פונדערווײטנס פינקלען די פײערן פון ענגלישן ברעג. דער שארפער קאנאל־ווינט נעמט אדורך ביזן בײן. דער וואסער־שטויב זעצט זיך אפּ אויף די ליפּן, און בײ דער באריִרונג מיט די ליפּן, פילט מען זאלץ.

די שיף איז פארנאנדערגעטײלט אין צוויי טײלן. אין אײנעם — שלאפן מענער, און צווײטן — פרויען. אין מיטן איז די קווארטיר פון די מאטראזן. אין יעדער קאיוטע — ארום א הונדערט מענטשן.

27טער אויגוסט

דער רעדאקטאר האט מיר פארגעלײגט עפּעס אנצו־שרײבן פאר דער שיף־צײטונג. די היץ און דאס שוויצן מאכט פויל. ס׳גלוסט זיך נישט צו אנשטרענגען — און טראכטן. שפּאציר איך בײם ראנד פון שיף, קוק אויפן בלאען ים, אויף די מעוועס, וואס פאלן אראפּ צום ים עפּעס צו פאנגען. ס׳ווערט פארנאכט. צופעליק שטײ איך בײם שיף־קרעמל, ווו קאן עפּעס קויפן. א פרוי טולעט זיך צו איר מאן קינדיש — נאיוו, מאכנדיק א ליבלעך צארט פּנימל. זי איז מיד, און וויל הײנט גײן פרי שלאפן. ער דארף איר נישט באגלײטן. ער קושט איר לײכט אין שטערן, און ווינטשט: —א גוטע נאכט. זי גײט שלאפן. און ווײל עס איז נישטא, עפּעס בעסערס צו טאן — גײ איך אין דער זעלבער ריכטונג.

דער הינטער־דעק איז העל באלויכטן. איך שטעל מיך בײ א ווענטילאציע־רער, פארויכער א פּאפּיראס און אבסערוויר.

די נאר וואס שוואכע, שלעפערדיקע פרוי באוועגט זיך נערוועז הין און צוריק איבערן דעק, די הענט אין די טאשן פון לײכטן מאנטל. זי זעט מיר אויס, ווי זי וואלט עפּעס געוואלט טאן, און קאן זיך נישט אנטשליסן. עפּעס האלט איר אפּ פון דער טאט. אפשר האט זי מורא פאר א דורכפאל? ענדלעך זעצט זי זיך אוועק אויף א טרעפּל, נעבן א באנק. א מאן זיצט אויפן באנק. ווערדליק דער דרײסטקײט, וואס ער דארף האבן (ער איז דאך עפּעס א מאטראז — און דאס האט ווארשײנלעך צוגעצויגן דער יונגער פרוי) רירט זיך יענער ניט פון ארט. מיט א זשעסט האט זי אים געגעבן צו וויסן אז — עס מאכט נישט — אדרבא — ער מעג זיך צורוקן נענטער.

דער ראדיא האט געמאלדן — 10 אזײגער. א שיף־פאליציסט מאכט מיר אויפמערקזאם, אז כ׳דארף פארלאזן דעם הינטער־דעק; ווו ס׳שלאפן די פרויען. פאר אים איז א רעפּארטער נישט מער ווי א מאן.

פון דער געלעגנהײט צו שרײבן א קורצן ראמאן:




Nach Shakesspeare, Moliere, Shaw, Ibsen, Sartre, ist nun Herr Aizenbud in die Weltliter atur eingerueckt.

ס. ראַבינאָוויטש

# לאָמיר אַלע זינגען

„זינגט דאָס גאַנצע שטיבעלע,
זינגען מיט די ווענטלעך“.

זאויב מען גיט זיך אַ פאַרטראַכט וועגן דער פונדאַמענטאַלער וויכטיקייט פון אַ פאָלקס קולטור־אוצרות, דאַרף מען נישט גרינגשעצן דעם כוח פון ניגון. דאָס איז איינע פון די שטאַרקסטע גאָלדענע פעדעם אין געוועב פון פאָלקס קולטור. דאָס ליד שפּיגלט אָפּ די געשיכטע פון דורות פאַרן גאַנצן פאָלק. עס דערגרייכט די טיפענישן פון יעדנס נשמה באַזונדער. דאָס ליד איז אַ געטרייער לעבנס־באַגלייטער פון וויגל ביז צום גרוב.

מיר יידן זענען ספּעציעל רייך אויף דעם געביט. מיר פאַרמאָגן אַן אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון פאַרשידנאַרטיקע ניגונים. אָנהויבנדיק מיט די אומפאַרגעסלעכע וויגלידער, פאָלקס־לידער, שול־לידער, חסידישע ניגונים און תפילות; לידער פאַר אַרבעט, קאַמף און האָפענונג; פאַר יום־טובים, שמחות, פרייד, אומעט און טרויער; פאַר ליבע און טרוימער וועלכע בויען נאָך היינט אין דער לופט זייערע שלעסער. עס איז פּשוט נישט מעגלעך אויסצורעכענען אַלע עמאָציעס, דעם זינען און די מאָראַל וואָס דער כישוף פון אונדזערע לידער ברענגט אונדז אַרויס.

אונדזער באַקאַנטער שרייבער משה אייזענבוד האָט זיך אויסגעדריקט אויף דעם לעצטנס פאָרגעקומענעם געבירטיג־אָוונט, אַז „דער באַגאַזש פון לידער קען זיין אויסערגעוויינלעך גרויס, אָבער דאָך לייכט צו פירן מיט זיך“. מען דאַרף דעם באַגאַזש נישט פּאַקן, ווייל אַ ליד קריצט זיך איין אין זכרון, באַזעצט זיך טיף אין דער נשמה און ביי יעדער שטימונג טויכט אומבאַמערקטערהייט אַ געעריק ליד אַרויס פון דער טיפעניש און דער מענטש איז קיינמאָל נישט אַליין — ער האָט אַ באַגלייטער פאַר זיין געמיט.

מיר, די ווייניק לעבן געבליבענע נאָך דעם חורבן טראָגן מיט זיך אָט דעם רייכן באַגאַזש. ליגט אויף אונדז אַ חוב איבערצוגעבן אויך די ירושה צום יינגערן דור.

עס איז כדאי אויסצורעכענען אייניקע אינסטיטוציעס אין מעלבורן, וועלכע זענען אַקטיוו אויף דעם געביט פון קולטיווירן דאָס יידישע ליד, ווי צ.ב.: „קדימה“, יידישע שולן, ראַדיאָ־אוידיציעס. גענויער וועגן אָט דער טעטיקייט קען מען לייענען אין זייערע יערלעכע באַריכטן.

זייענדיק אַ מיטגליד אין „הזמיר“־כאָר, וויל איך זיך אָפּשטעלן אַ ביסל ברייטער וועגן אונדזער טעטיקייט. די הויפּט־אימפּרעזע איז דער יערלעכער קאָנצערט, וועלכער קומט פאָר אין „קדימה“־טעאַטער, תמיד מיט גרויס דערפאָלג. אַ חוץ דעם נעמט דער כאָר אָנטייל אין דער אַקאַדעמיע פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד; טרעט אַרויס אויף דעם „פעסטיוואַל פון פעלקער“; גיט עטלעכע קאָנצערטן אין יאָר אין דער „מאָנטעפיאָרע“ און „מאָנאַש“ היימען פאַר זקנים; דער כאָר ווערט אויך איינגעלאַדן אויפצוטרעטן אויף פייערונגען פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אינסטיטוציעס, ווי די „קדימה“, „בני ברית“, לאַנדסמאַנשאַפטן און ענלעכע. אַפילו די טאַנץ־אָוונטן, איינגעאָרדנטע דורכן כאָר ווערן פאַרוואַנדלט אין מיני־קאָנצערטן — דערפאַר האָבן זיי אַזאַ גרויסן דערפאָלג. איז דעריבער נישט קיין וווּנדער וואָס יעדער כאָריסט איז שטאָלץ מיט זיין אָנגעהעריקייט צום „הזמיר“־כאָר. דער כאָר ציילט איבער פופציק מיטגלידער, וואָס איז אַ שיינע צאָל פאַר אונדזער ישוב. דאָך איז אונדזער טיר ברייט אָפן פאַר מער גוטע זינגער. ספּעציעל ווינטשן מיר אַריינצוקריגן די יוגנט ווען מיר ווילן איבערגעבן אונדזער ירושה — דאָס ליד.

רעדנדיק וועגן יוגנט דאַרף מען דערמאָנען דעם אָנטייל פון אַרום דרייסיק קינדער און יוגנטלעכע אין דעם „ברוך קאַלושינער פאַרמעסט“ פון ייִדישן און העברעישן ליד און מוזיק. שוין צום דריטן מאָל איז דער זאַל געווען אויסגעפילט ביז איבער די ברעגעס מיט באָבעס, זיידעס, טאַטעס, מאַמעס און קינדערלעך כדי אויסצוהערן די יונגע טאַלאַנטן. כאָטש דער צושויער פון קאָנצערט האָט אַ גרויס געניוס, קען ער זיך נישט פאָרשטעלן וויפיל מי און אַרבעט עס לייגן אַריין די אַלע וועלכע באַטייליקן זיך אין צוגרייטן אַז די דאָזיקע אימפּרעזע זאָל אַדורך מיט דערפאָלג. קומט אַ לויב, קודם־כל דעם „ברוך קאַלושינער־אָנדענק־קאָמיטעט“ פאַר זיין איניציאַטיוו און אַרבעט, ווי אויך די עלטערן און לערער וועלכע דערמוטיקן זייערע קינדער צו זינגען און שפּילן אונדזער ליד.

נאָך אַ פריידיקע דערשיינונג אין אונדזער ישוב איז דער וואָקאַל־מוזיקאַלישער אַנסאַמבל „פלאַמען“, וועלכער באַשטייט פון זיבן יונגע סטודענטן. אין זייער קורצער עקזיסטענץ (געגרינדעט דעם 23טן אָקטאָבער 1977, אויף דעם ברוך קאַלושינער קאָנקורס) האָבן זיי שוין פאַרווילט דעם עולם אויף אַ שפּאָר ביסל אונטערנעמונגען. מאַנכע רעכן איך דאָ אויס: „מומבאַ“ פעסטיוואַל אין „טרעזשורי“־גאָרטן, איינגעאָרדנט דורך דער „קדימה“; 30 יאָר מדינת ישראל־באַל, איינגעאָרדנט אין „בית־וויצמאַן“ דורך דער לאָדזשער לאַנדסמאַנשאַפט; אַ קאָנצערט אין „מאָנטעפיאָרע־היים“, מיט אַ רייכן פּראָגראַם פון אונדזערע פּאָפּולערסטע פאָלקס־לידער, ווי אויך זייער באַטייליקונג אין דער פייערונג פון געבירטיגס 100־טן געבורטסטאָג, ווו דער עולם האָט זיי באַשאָנקען מיט רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן און זיי נישט אַראָפּגעלאָזט פון דער בינע. זיכער ווינטשן מיר זיך זיי אָפּטער צו הערן, אָבער גלייכצייטיק דאַרפן מיר, דער עלטערער דור, פאַרשטיין אַז מיט אַפּלאָדיסמענטן אַליין וועלן מיר די דאָזיקע „פלאַמען“ נישט אויפהאַלטן. מיט גרויס אָנשטרענגונג האָבן זיך די יונגע מוזיקער געגרייט צו די אויבן דערמאָנטע אַרויסטריטן. עס איז באַוווּסט ביי אונדז אַלעמען אַז סטודענטן האָבן זייער ווייניק צייט בעת זייער שטודירן און נאָך ווייניקער מאַטעריעלע מיטלען. דאַרפן די אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וועלכע זענען די קולטור־טרעגער אין אונדזער ישוב, זיך פאַראינטערעסירן אין זייערע נויטן און נישט לאָזן די „פלאַמען“ אויסגיין.

די אומזשעניִרטע האַנדלונג, אומגעווינטלעך אין אַנוועזנהייט פון פרעמדע מענטשן איז ביי אים אויסגעקומען נאַטירלעך און פריי. צוזאַמען מיט דער מילדקייט פון זיין בליק איז אויך געווען צו מערקן אויף זיין פּנים אַן אויסדרוק פון זעלבסט־געצוימטקייט.

זי איז געזעסן אַ שוויַגנדיקע, גערעדט האָט דער מאַן כמעט די גאַנצע צייט. אין זעלטענע מאָמענטן, ווען אויך ער איז אַנטשוויגן געוואָרן האָט זי געהאַלטן דעם קאָפּ אָנגעבויגן אַן אַ זייט און מיט אַ ברעם נישט אַ באַוועג געטאָן. זי האָט געוווּסט, אַז ער וואַכט איבער איר, און זי איז געבליבן אין איר האַלב־פאַרגליווערטער אומבאַוועגלעכקייט.

אין אַזעלכע רגעס זענען די מענטשן, די צייט, דער גערזשום פון די פּאַסאַזשירן ערגעץ ווי אַוועקגעשווומען. די צוויי מענטשן זענען געוואָרן פאַרשלאָסן אין זיך, אין אַן אינטימער אינערלעכער פאַראייניקונג, אין וועלכער נאָר זיי ביידע זענען אין איר געווען. זיי זענען ענלעך געווען אין דער אָפּגעשלאָסנקייט צו אַן אומגעווינטלעך, נישט רעאַלער ווירקלעכקייט: — פאַרזונקענע אין זיך לעבעדיקע געשטאַלטן, פון וועלכע עס האָט ארויסגעשטראַלט דאָס סודותדיקע פון אַן אומבאַקאַנטן ערגעץ.

דער אויטאָבוס האָט זיך ראַפּטעם געשטעלט מיט אַ סקריפּ פון די טאָרמאָזן, און די פרוי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. דער מאַן האָט געוואָרפן אויף איר אַ פאַרשערישן בליק, ארויסגעצויגן פון זיינע ברייטע הויזן־טאַשן אַ פלעשעלע, פאַרזיכטיק אויסגעשאָטן אויף זיין האַנטפלאַך צוויי פּילן, און זיי אריינגעלייגט איר אין מויל.

דערנאָך האָט ער זיך נענטער צוגעבויגן צו איר און עפּעס געפרעגט. דער ענטפער האָט אים, זעט אויס, נישט באַפרידיקט. ער האָט אַ פּיר געטאָן מיט די אויגן איבערן אויטאָבוס. עס איז געווען צו מערקן, אַז ער האָט גאָרנישט געזען, אַז ער האָט זיך נישט באַמיט עפּעס צו זען. דאָס אָפּקערן דעם קאָפּ אין אַ זייט איז געווען אַן אַנטלויף, און אויך נישט צו ווייזן איר זיין באַזאָרגט פּנים. די זאָרג האָט זיך אָבער געטונקלט אין זיינע אויגן, ווי אַ פאַרכמאַרעטער הימל פול מיט רעגן. באַלד האָט ער ווידער זיך אַ קער געטאָן צו איר, אַ כריפּע געטאָן מיטן גלאָזיקן קול, און ארויסגערופן ביי איר אויף דאָס ניי אַ בלייכן האַלב־שמייכל.

איך, און עטלעכע מיט־פּאַסאַזשירן האָבן צוליב העפלעכקייט זיך באַמיט נישט צו קוקן אָפן אין זייער זייט. אַ יונג מיידל, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער זיי האָט פּלוצלינג הויך ארויסגעלאַכט. אַ פאַרשעמטע האָט זי אָפּגעקערט פון די צוויי איר רויט געוואָרן פּנים.

אויך איך בין געווען געשפּאַנט. ווער זענען די צוויי, מאַן און ווייב, שוועסטער און ברודער, צי סתם פריינד?

דאָס אויסנאַמלעכע פון די צוויי מענטשן האָבן אַבסאָרבירט ביז גאָר. עס האָט אַמוזירט דאָס לעכערלעכע וואָס איז דערגאַנגען ביז אַבסורד, גלייכצייטיק האָט אָבער פאַסצינירט דאָס נאַטירלעכקייט און פּשטות פון זייער פאַרהאַלטן זיך, וואָס נאָר קינדער קענען אויסכישופן מיט אַזאַ חנעוודיקייט און שיינקייט.

אין דער וואָכעדיקייט פון אַ פּראָסטן אָוונט, ווען יעדער איילט צו זיך, צו די רוטינע טועניש, האָבן אָנגעהויבן אָפּפאַלן די האַרטע שאָלעכצער פון טאָג־טעגלעכקייט און גענומען ארויסרופן דעם יום־טוב פון דרימלענדיקע טרוימען; פון חלומות אויף דער וואָר; נישט רעאַלקייטן, וואָס פילן אויס אַ רעאַלן ביז גאָר וואַקום, אַ לעצכנדיקן נאָך תיקון.

איך האָב באַמערקט אין די בליקן פון די מיט־פּאַסאַזשירן, אַז אויך זיי זענען מיטגעריסן געוואָרן מיט דער שטילער נשמה־סימפּאָניע פון די צוויי מאָדנע, פרעמדע מענטשן; מיט אַ שפּראַך אָן רייד, פון וועלכער עס האָט אויסגעשטראַלט דער ניגון פון שיינקייט, די מעלאָדיע פון סובלימער צאַרטקייט, אפשר קיינמאָל פריער נישט דערקענטער. די דינע אַקאָרדן זענען געפאַלן אויף זייערע נשמות ווי אַ פרילינג־רעגן אויף דורשטיקער ערד, און עס האָבן גענומען אויפטויכן ביי זיי פאַרבלאַסטע אימאַזשן, דורכגעוועבטע מיט אַ בענקשאַפט נאָך דער אייגענער פאַרגאַנגענער יוגנט.

מען האָט דערפילט, אַז די דראָבנע פרוי האָט זיך אויפגעעפנט ווי אַ בלום איינצוזאַפּן אין זיך דאָס שטילע געזאַנג וואָס איז געפלאָסן צו איר פון דעם מאַן, און אַז זי האָט עס צוזאַמענגעגאָסן מיט איר אייגענעם ניגון, וואָס האָט פון איר קרענקלעך פּנים ארויסגעלויכטן מיטן טרויעריקן רייץ פון אַ שפּעט־האַרבסטיקן טאָג פאַרן פאַרגיין.

איינע פון די סטאַבילע פּאַסאַזשירינס האָט זיך צוגעבויגן צו מיר און אריינגעשושקעט אין אויער:

— איר האָט באַמערקט?... די פרוי לעבט איצט איבער רגעס פון אמתן גליק!... איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

עטלעכע טעג שפּעטער איז דער מאַן מיטן כריפּענדיקן קול געזעסן אין אויטאָבוס לעבן מיר. ער איז געווען אויסגעלאָשן, פאַרטיפט אין מחשבות. איך האָב זיך געוואַקלט אים עפּעס צו פרעגן, נאָר ער האָט דערשפּירט מיין פרעגנדיקן בליק און ער האָט אויפגעהויבן צו מיר אַ פּאָר ברייטגעעפנטע אויגן פאַרצויגענע מיט אַ דינעם נעפּל.

איך האָב גיכער פאַרשטאַנען ווי געהערט וואָס ער האָט שטיל ארויסגעכריפּעט: „נעכטן איז געווען איר לוויה”...

---

## די יידישע שול

## איז די פאָרזעצונג

## פון דער יידישער היים —

## לערנט אייערע קינדער יידיש!

---

געוויסן. דער לעצטער קאָמפּראָמיס איז געווען — „מאָטקע גנב״.

שלום אַש האָט געדרוקט דעם ראָמאַן קאַפּיטלעכווייז אין „פאָרווערטס״. אין 1916 איז עס ארויס אין בוך־פאָרם, ווי אַ סאָציאַלער ראָמאַן.

ווי אַזוי אַ ראָמאַן פון 1916 איז מגילגל געוואָרן אין אַ „מיוזיקל״ אין 1978 — וועגן דעם האָבן זיך געדאַרפט פאַרטראַכטן די, וועלכע האָבן די פאַרשטעלונג אונטערגענומען און אויפגעפירט.

זיי האָבן זיך אויך געדאַרפט פאַרטראַכטן: צי דאָס איז די פּאַסיקע פאַרשטעלונג פאַר מעלבורן, וואָס איז דורכן הערמאַן־טעאַטער דערצויגן געוואָרן צו דערוואַרטן אַ פאַרשטעלונג נישט בלויז פון עסטעטישן גענוס — נאָר אויך פון אַ קולטורעלן ניוואָ.

אויפן דוד הערמאַן־קרייז ליגט נישט בלויז די אויפגאַבע צו שפּילן טעאַטער, נאָר אויך פון אָפּהיטן די גייסטיקע ירושה און נישט צו פאַרטאַכלעווען דעם גוטן נאָמען זיינעם.

יאָ — מען דאַרף אַ טראַכט טאָן: מיט וועמען מיר גייען צום טיש (אָדער אויף די ברעטער) און וואָס די גאַסט־אַרטיסטן האָבן אָנצובאָטן...

דער „גאָלד־ראַש״ חזרט זיך ווידער איבער אין אויסטראַליע. דאָס מאָל איז עס אַ „גאָלד־ראַש״ וואָס ברענגט אַהער יידישע אַרטיסטן, וואָס האָבן געהערט, אַז גאָלד שאַרט מען אין מעלבורן ממש מיט די הענט.

ביי אונדז אָבער — ווי נאָך יעדן „גאָלד־ראַש״ — בלייבט אַ פּוסטער גרוב...

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

י. מ. לעווין

# רגעס פון גליק

(דערציילונג)

דער אָוונט איז געווען אַ שפּעט־האַרבסטיקער. די גאַסנ־לאָמפּן האָבן זיך געבליצט מיט אַ ראַכיטיש ליכט, וואָס האָט געוואָרפן רונדיקע, קאַלטע פלעקן אויפן טראָטואַר. בייסיקע ווינטן, וואָס האָבן כסדר געטווישט די ריכטונג, האָבן מיט אייזיקע דלאָניעס צוניפגעשאַרט און פאַנאַנדערגעשמיסן קופּעס זשאַווערדיקע בלעטער; מיט אַ טרוקענעם שורשן האָבן זיי זיך געדרייט אַ ווילע אין אַ רעדלדיקן טאַנץ און באַלד זיך צעפלויגן ווי אַ טשאַטע איבערגעשראָקענע פייגל. דאָס אומהיימלעכע וועטער האָט די דורכגייער געטריבן פון די גאַסן.

די ריי צום אויטאָבאָס איז געווען אַ לענגערע ווי געווינטלעך און די מענטשן האָבן אומגעדולדיק אונטערגעטענצלט וועלנדיק וואָס גיכער זיין אינעווייניק

פון אַ זייטיק געסל איז מיט האַסטיקע טריט אָנגעקומען אַ מאַן און זיך געשטעלט אין דער ריי.

גלייך נאָך אים איז פון זעלבן געסל ארויסגעקומען אַ מיטליאַריקע, דראַבנע פרוי און מיט פּאַמעלעכע, מידע טריט, דערנענטערט זיך צום מאַן. צווייַ אומבאַקאַנטע מענטשן.

זיינע ברייטע, געפּאַלדעוועטע הויזן און אַ דיק שאַליקל אַרום האַלדז איז געווען דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. אין קאַרגן אָוונטליכט האָט זיין אַנטאָן זיך געטונקלט — אַ פאַרעמלאָזער פלעק, ענלעכער צו קאַנטורן פון אַן אַבסטראַקט ווי צו אַ מענטשלעך געשטאַלט.

אויך די פרוי איז געווען מאָדנע אָנגעטאָן. זי האָט געטראָגן אַ לאַנגן, געשטריקטן אַלטמאָדישן זשאַקעט און אַ קאַפּטיכל, וואָס דער ווינט האָט געפּרווט אַראָפּפליקן פון איר. איר פּנים האָט זיך געבליצט מיט אַ קרענקלעכקייט שווער צו דעפינירן. פּשוט קרענקלעך.

— שטעל זיך דאָ, פון דער זייט! דאָ וועט דיר זיין וואַרעמער... אָט אַזוי... זיינע אויגן האָבן אַ בלישטש געטאָן מיט וואַרעמקייט:

— נאָך עטלעכע מינוט און וועסט זיין אינדערהיים!

אין דער רעלאַטיווער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט צווישן אומגעדולד פון וואַרטן, האָט זיין שטים זיך אַריינגעריסן מיט אַ מאָדנעם כריפּ. די רייד, שווער ארויסגעברענגטע, האָבן זיך געבראָכן ווי ביי קינדער בשעתן אָנהויבן זיך לערנען לייענען. דאָס קול איז ארויסגעקומען הייזעריקלעך, מיט אַן אָפּקלאַנג פון בויך־טיפעניש, ווי עס וואָלט זיך אינעווייניק געשאָטן צעבראָכן גלאָז. יעדע פּויזע צווישן וואָרט און וואָרט האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ שטילן פּיף. דער דינער פּיף האָט זיך אויסגעמישט מיטן ווינט און איז אין אים פאַרלוירן געגאַנגען.

זיינע באַוועגונגען זענען געווען פלינקע, דעצידירטע, אין אַ שאַרפן קאָנטראַסט צו דער אומבאַהאָלפנקייט ביים רעדן. לויטן ברייטן, פּיבערדיקן זשעסטיקולירן, לויט דער מימיק, וואָס איז ענלעך געווען אויף אַ פיינלעכער גרימאַסע, וואָלט זיך געקענט דוכטן, אַז דער מאַן פיבערט. זיינע אויגן זענען געווען קלאָרע און האָבן אין שוואַכן ליכט געלויכטן ווי שטילע אָזיערע־וואַסערן אין אַ לויטערן טאָג. די פאָר איז נישט געפאָרן ווייט, וואַסערע דריי צו פיר סטאַציעס. דורך דעם קורצן דויער פון דער רייזע האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט זיי צו אָבסערווירן. עס האָט אַ ווייע געטאָן פון די צווייַ מענטשן מיט אַן אַנדערשקייט וואָס האָט געוווּנדערט און צוגעצויגן.

דער מאַן איז געזעסן האַלב־אויסגעדרייט צו דער פרוי, ווי גאַרנישט מער פון דעם ארום וואָלט ווערט געווען זיין אויפמערקזאַמקייט. זיין אָנגעהויקערטע פּלייצע האָט ווי געוואָרנט: — פאַרזיכטיק!... זי איז אונטער מיין שוץ!

ווירקלעך, ער האָט זיך די גאַנצע צייט אויפגעפירט לגבי איר ווי איינער וועמען מען האָט אָנפאַרטרויט די אַפּוטרופּסות איבער אַ מינדעריעריק קינד. זי איז געזעסן ווי אין האַלבן דרימל. מיטאַמאָל האָט זי לייכט אויפגעציטערט. מיט אַ גיכער באַוועגונג האָט דער מאַן זיך אַראָפּגעבויגן, דעליקאַט פאַרשפּיליעט דאָס אונטערשטע קנעפּל פון איר מאַנטל, און אַראָפּגעצויגן אים איבער אירע קני. ער האָט איר אויך אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

פון יושר און חסד. אויב ייִדישקייט איז אַ פֿאָלקס-רעליגיע, איז עס נישט מער ווי סאָציאָלאָגיע, און די ימים-טובים און צערעמאָניעס אין ייִדישקייט זענען פֿאָלקלאָר. כדי צו זיין אן אומה, אן אן אייגענער ווירט-שאַפט, אין אַן אייגענעם לאַנד, געררודפט צוליב זיין גאָט-באַגריף, מוז מען לכתחילה זיין מער ווי אַן אומה — אַן אומה מיט אַן אמונה. דעם ברית, דעם קשר, צווישן דער ייִדישער געשיכטע און דער ייִדישער אידעע (אַ בעסער וואָרט ווי „רעליגיע") טאָר מען נישט איבעררייסן; זיי זענען צוזאַמען אויסגעוואַקסן אין אַ היסטאָריש-דיאַלעק-טישער שייכות.

ס'איז אַן ענין וואָס מען קאָן נישט אָפּפּאַטיקן על רגל אחת. די ייִדישע מחשבה וועט זיך מיט דעם נאָך היפּשלעך ראַנגלען. דאָס אָבער פֿאַרשטאַנס נישט לגמרי גאַלאָמבס באַגריף פון אינטעגראַלער ייִדישקייט. בינו-לבינו דאַרף מען בויען דעם בנין פון אינטעגראַלער ייִדישקייט. כ'האָב דאָס געפֿיל, אַז די אַנונג פֿון דעם פּאַרוואָס פֿון ייִדישן קיום איז דאָ ביי אונדז אַלעמען אין געמיט, אין דער נשמה, אויב נישט דווקא אויף דער מדרגה פֿון באַוווסטזיין.

דערווייל, לאָמיר האָפֿן, וועט עס קלעקן.

מ. אייזענבוד

# ייִדיש טעאַטער – אין מעלבורן

לעבנדיק יאָרהונדערטער צווישן פֿעלקער, האָט זיך ביי ייִדן איינגעשטעלט אַן אייגענער נוסח פֿון אויפֿשטעלן חברות; אינסטיטוציעס — וואָס ביי אַנדערע פֿעלקער ווערן די דאָזיקע פֿונקציעס אויסגעפֿירט פֿון מלוכישע דעפּאַרטאַמענטן.

דאָס אייגענע קאָן מען זאָגן וועגן דעם דערציִאונגס-סיסטעם. אויב דער חדר, און שפּעטער די שול איז געווען די פֿענצטער, דורך וועלכער דאָס קינד האָט דערזען די וועלט — איז די ייִדישע ליטעראַטור און דאָס ייִדישע טעאַטער געווען די שול פֿאַר דערוואַקסענע.

אויף דער בינע פֿון טעאַטער זענען פֿאַר אים פֿאַנאַנ-דערגעוויקלט געוואָרן פּראָבלעמען — אויב אַפֿילו טייל-מאָל אין פּרימיטיווע פֿאָרעם — פּראָבלעמען סאָציאַלע; נאַציאָנאַלע, וועלכע האָבן אָנגערעגט. דאָס טעאַטער האָט אויסגעטיילט גערעכטיקייט צום געקריוודעטן; באַשטראָפֿט דעם שולדיקן; געוויזן דעם תקיף אין זיין ריכטיקער גע-שטאַלט. דאָ האָט זיך דער פֿאָלקס-מענטש געקאָנט דער-לויבן צו לאַכן פֿון אים — ווייל אין לעבן האָט ער זיך אַזאַ לוקסוס נישט געקאָנט דערלויבן — ער איז אַ סך מאָל אָפּהענגיק געווען פֿון תקיף; דאָס טעאַטער האָט אויסגע-לערנט צו לאַכן פֿון די שונאים.

צווישן ביידע וועלט-מלחמות האָט דאָס ייִדישע טעאַ-טער, ווי דער אַוואַנגאַרד-טעאַטער בכלל, זיך אָפּגעגעבן מיט הומאַניטאַרע, עטישע פּראָבלעמען.

ספּעציעל אין סאָוויעט-רוסלאַנד, וווּ דאָס ייִדישע טע-אַטער אין דעם בלי-פּעריאָד איז געווען אַ מלוכישע אינסטיטוציע, און מיכאָעלס איז געשטאַנען אין זיין אָנפֿי-רונג — האָט עס דערגרייכט גאָר אַ הויכע מדרגה.

געוויס זענען געווען (און ס'זענען נאָך היינט דאָ) טע-אַטערס וואָס האָבן געזוכט צו קיצלען די אינסטינקטן מיט באַנאַלן, צווייִדייטיקן וויץ; מיט אויסערלעכע ווולגאַרע מיטלען. בדרך-כלל אָבער האָט אַ ייִדישער אַרטיסט פֿאַר-מאָגט אויסער טאַלאַנט — קולטור, וויסן, אינטעליגענץ.

די דאָזיקע טראַדיציעס האָט דער ייִדישער אַרטיסט מיטגענומען אין די עמיגראַציע-לענדער, און צווישן זיי — אויסטראַליע.

ייִדיש טעאַטער אין מעלבורן איז תמיד געשטאַנען אויף אַ ניוואָ. פֿאַר די טעאַטער-מענטשן איז דאָס אויפֿטרעטן אויף דער בינע געווען אַן אַקט פֿון דערהויבונג, פֿון גייס-טיקער אויפֿלעבונג און אויסלעבונג — ער האָט געפֿילט, אַז מיטן אויפֿפֿירן אַ גוטע פֿאַרשטעלונג אין דער ייִדישער שפּראַך — האָט ער בייגעשטייערט צו אונדזער קולטור-לעבן.

אין משך פֿון די לעצטע 30 יאָר, זענען דורכן דוד הערמאַן-טעאַטער געשפּילט געוואָרן פֿאַרשטעלונגען, וועל-כע האָבן דערוואָרבן דעם טעאַטער אָנזען און אַ רעפּוטאַ-ציע פֿון אַן ערנסטן אַנסאַמבל, וואָס שטעלט זיך קינסטלע-רישע פֿאָדערונגען.

צו דערמאָנען בלויז עטלעכע פֿאַרשטעלונגען, וואָס פֿאַלן צופֿעליק איין: „די הילצערנע שיסל"; „פּרוי אַדוואָ-קאַט"; „דער טויט פֿון אַ סיילסמען", „קידוש השם"; „זיין נאָמען רעדט שוין פֿאַר זיך", „די כסיבה" און אַנדערע.

ווען מען האָט אַראָפּגעבראַכט בינע-קינסטלער פֿון אויס-לאַנד, צי דאָס איז געווען יוסף שיין אָדער יעקב ראָטבוים — האָט מען זיך גערעכנט נישט נאָר מיטן באַרימטן נאָמען און סטאַזש פֿון אַקטיאָר — נאָר אויך מיטן ליטעראַריש-קינסטלערישן ניוואָ פֿון דער פֿאָרגעלייגטער פּיעסע.

אַפֿילו דזשיגאַנס (מילד גערעדט) נישט גאָר קולטור-רעלע סקעטשן האָבן אונדזערע אַרטיסטן זיך באַמיט צו באַשיינען מיט אריינברענגען קינסטלערישן שוווּנג.

דער דוד הערמאַן-טעאַטער האָט זיך דערוואָרבן דאָס הערכסטע לויב פֿון וועלכעס אַ טעאַטער-קרייז קאָן טרוימען — צוטרוי פֿון פּובליקום. מען ווייס — דער טעאַטער-קרייז וועט נישט אַרויסברענגען עפּעס, מיט וואָס מ'זאָל זיך דאַרפֿן שעמען.

די לאַגע פֿון ייִדישן טעאַטער, איז נישט בעסער ווי די לאַגע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור; די אַלטע שריי-בער ווערן עלטער און קיין יונגע קומען נישט צו — אַזוי אויך אַרטיסטן. אָבער דער דראַנג, דער ווילן און די באַ-דערפֿעניש צו שפּילן טעאַטער ווערט מיטן עלטער נישט קלענער.

האָט מען אָנגעהויבן מאַכן קאָמפּראָמיסן — מיטן

לעכער עקזיסטענץ פון פאָלק, אויסגעליידיקט פון שטייגער, פון אַן אייגענעם און אויטענטישן סטיל. מען דאַרף דערפון נישט לערנען פשט, אַז עס מוז אַזוי זיין. ס'איז נישטאָ קיין שום אינערלעכע סיבה פאַרוואָס דער ביישטראָך צווישן עם־ישראל, מדינת ישראל און כנסת ישראל זאָל טאַקע זיין בלויז אַ צייכן אין פונקטואַציע און נישט אַ „מעטאַפיזישע" מחיצה. נאָר וואָס־זשע דען, דער צימצוצדיקער אויסדרוק אינטעגראַלע יידישקייט מיידט אויס על־פי דעפיניציע די סברא פון אַזאַ מין מחיצה.

עם ישראל, מדינת ישראל, כנתס ישראל — דאָס זענען דריי אַספעקטן פון זיין אַ ייד כלפי פנים, אין די גרענעצן פון אונדזער אומה. מיר זענען בירגערס פון אַ סך לענדער, מוזן מיר דאָך באַשטימען וואָס אַזוינס אונדזער באַציאונג זאָל זיין צו דער ארומיקער סביבה, און אויב מיר זענען בטוח, אַז יידישקייט איז אַ טאָטאַלע ציוויליזאַציע, באַקומט זיך די פראַגע: וואָס איז די פאַהעלטעניש צווישן אונדזער ציוויליזאַציע און דער ציוויליזאַציע פון די לענדער, ווו מיר זענען בירגערס, ווו מיר וווינען, און אין אַן אַלגעמיינער ראַם, פון דער מערב־אייראָפעישער קולטור?

סיידן איך בין זיך טועה אין מיין פירוש און גאָלאָמבס אינטעגראַלער יידישקייט, לאָזט זיך די פראַגע ענטפערן אויף דעם אופן: עס זענען פאַראַן אַ צאָל ברירות, און דווקא אין שיין פון אינטעגראַלער יידישקייט קאָן מען משיג זיין וועלכע ברירות טויגן יאָ און וועלכע טויגן נישט. 2 ברירות קאָן מען תיכף אָפפטרן: איינע: אַז מען דאַרף זיין בלויז אַ ייד, אָן וועלכער ס'איז מגע־ומשא מיט דער דרויסנדיקער וועלט; דער אַנדער פאָלוס — אַז מען זאָל זיין בלויז אַמעריקאַנער אָדער סתם מענטש. ביידע האָבן נישט קיין יסוד אין דער געזעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייט און ממילא זענען זיי אומלאָגיש און אומעטיש.

אַ דריטע תשובה אויף אָט דער פראַגע זעט אויס אויבנאויף צו זיין די בר־דעתדיקסטע און פראַקטישסטע, אָבער ס'איז אַן אילוזיע: לויט דער תשובה דאַרפן יידן מקבל־באהבה זיין דער פאַקט וואָס זיי לעבן אין צוויי ציוויליזאַציעס, און דאַנקען דעם אויבערשטן וואָס ס'איז זיי באַשערט אַזאַ גינסטיקע מערכה. מען פאַרגעסט אָבער דערביי, אַז ס'איז נישט קיין שותפות צווישן גלייכע, אַז להיפוך דער מעשה אין חומש וועגן פרעהס זיבן מאָגערע קי וואָס האָבן אויפגעגעסן די זיבן פעטע קי, איז דאָ די קאָניוקטור אַזאַ, אַז די פעטע קי, לדוגמא, די אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע — שלינגען איין די מאָגערע קי, די יידישע ציוויליזאַציע. אָן אַן אייגענעם לשון, אָן ראַיעלע מנהגים, אָן אַ שטייגער אין דער היים און אין גאַס, אַ מיעוט אין דער באַפעלקערונג — אַנטקעגן אַזאַ הינטערגרונט איז עס די קווינט־עסענץ פון נאַיווקייט צו גלויבן, אַז דאָס איז אַ סגולה פאַר אונדזער קיום.

וואָס־זשע איז פאָרט דער אויסוועג? דאָס פירט אונדז צוריק צום געדאַנק פון אינטעגראַלער יידישקייט. ס'איז פאַראַן א קרובהשאַפט צווישן אינטעגראַלער יידישקייט און דער ערשטער פון די ברירות: דער געבאָט צו זיין בלויז ייד. אָבער דער חילוק איז מכריעהדיקער ווי די קרובהשאַפט. ס'איז נישט: „זיי בלויז ייד", מיט אַ פינטל וואָס פאַרענדיקט דעם זאַץ. דער אימפעראַטיוו פון אינטעגראַלער יידישקייט — ווידער, אויב איך בין זיך נישט טועה — איז: „זיי אַ ייד", מיט אַ צוויי־פינטל, וואָס מיינט, וועדליק די תקנות פון פונקטואַציע, אַז דער זאַץ האָט זיך נישט פאַרענדיקט, אָבער אַז דאָס וואָס קומט נאָך דעם ציט יניקה פון דעם פריערדיקן אין זאַץ, האָט אַ טעם און באַטייט מחמת דעם פריערדיקן. ס'איז פרצעס חזיון אויף דאָס ניי: זיין אַ ייד הייסט זען די גאַנצע וועלט, אָבער זען זי מיט יידישע אויגן; זיין אַ ייד הייסט לייענען די וועלט — נישט נאָר אַ ספר — פון רעכטס אויף לינקס.

ס'איז גאָלאָמבס ריזיקער און דויערנדיקער פאַרדינסט וואָס ער האָט קאָנקרעטיזירט די טעאָריע פון אינטעגראַלער יידישקייט, האָט אַריינגעאָטעמט אין איר דעם רוח החיים, און האָט אָנגעוויזן, מיט א שלל פרטים, ווי אַזוי די טעאָריע — דער חלום פון אינטעגראַלער יידישקייט — קאָן ווערן וואָר. ער האָט אַ וואָרט פאַר דעם: אַקטואַליזאַציע. אינטעגראַלע יידישקייט איז אַ מאָנונג צו מעשים, צו מצוות: אַ היים מיט ספרים, בילדער, געזאַנג; חינוך פון קינדער און דערוואַקסענע; א היים מיט שבת און יום־טוב; ווו די מידה פון צדקה ווערט נישט פאַרמינערט, ווו מען היט אָפ און מען איז ממשיך יידיש־לשון.

III

אברהם גאָלאָמב באַלייכט פאַר אונדז אינטעגראַלע יידישקייט, און ווי א געניטער אַרכיטעקט לייגט ער פאָר אונדז אויס דעם בנין פון אינטעגראַלער יידישקייט — דעם היכל הנגינה — און ס'איז זיין כוונה מצרף צו זיין אונדז צום מנין, געכפלט אויף צענדליקער טויזנטער. ער איז זיך מתעסק מיט דעם ווי־אַזוי פון אינטעגראַלער יידישקייט. ס'איז איצט נישט די געלעגנהייט און נישט דאָס אָרט זיך צו פאַרטיפן אין דעם פאַרוואָס פון אינטעגראַלער יידישקייט, פון אונדזער נאַציאָנאַל־גייסטיקן קיום. כ'וויל ביי דער געלעגנהייט בלויז אָנמערקן, „רעגיסטרירן", מיין איבערצייגונג, אַז אָן דעם פאַרוואָס וועט דער ווי־אַזוי נישט האָבן קיין האַפט. דער תנ"ך האָט באַהעלט דעם פאַרוואָס פון אונדזער עקזיסטענץ, און דער תלמוד — די הלכה — האָט אויסגעשמידט דעם ווי־אַזוי. גאָלאָמב דערהייבט דעם תלמוד, וואָס דאָס איז גוט, אָבער אויפן חשבון פון דעם תנ"ך, וואָס דאָס איז ספקדיק. אָן דעם פאַרוואָס וואָלט דער ווי־אַזוי געווען ווי אָפגעשניטענע בלומען און וואָלט גאָר גיך פאַרוועלקט.

גאָלאָמב האַלט, אַז ביי אונדז איז דאָ אַ פאָלק־רעליגיע, נישט קיין גאָט־רעליגיע. ס'איז דאָך אָבער נישט צו פאַרלייקענען, אז דער תנ"ך, נאָך מתן תורה, אין דער תקופה פון די גרויסע נביאים, איז די שילדערונג פון אַ ליבע־ראָמאַן — אין פאַסקאַלס ווונדערלעכער פראַזע — צווישן אַ פאָלק און גאָט, און ס'איז אַ דיאַלאָג צווישן די נביאים און דעם פאָלק וועגן גאָט ווי דער פרינציפ

ד״ר עזריאל נאַקס

# אינטעגראַלע יידישקייט

## (ראַנדבאַמערקונגען וועגן אברהם גאָלאָמבס צענטראַלער אידעע)

I

צו די ניינציק יאָר זיינע איז פאַרשטענדלעך, אַז מיר זאָלן אברהם גאָלאָמבן ווינטשן לויטן טראַדיציאָנעלן נוסח, עד מאה ועשרים, לפּחות נאָך אַ סך גוטע און גליקלעכע יאָר. געבענטשט איז דער מענטש וואָס אין אָטדעם שיינעם עלטער איז ער נאָך אַלץ שפּעדיק אין זיין שעפערישקייט, און סיי דאָס האַרץ און סיי דער מוח זענען ביי אים וואַך, און ער נעמט אויף דעם פולן דיאַפּאַזאָן פון יידישער עקסיסטענץ אין אירע דינסטע טענער און וואַריאַציעס. דאָס איז אַ ספּעציעלע ברכה וואָס ווייניק זענען צו דעם זוכה.

וואָס פאַר אַ קראַנץ בלומען מען זאָל אברהם גאָלאָמבן נישט צוטראָגן, איז די פּרעכטיקסטע בלום אָטדאָס וואָס ער איז תמיד געווען ער, געטריי זיך אַליין. אין פלוג דוכט זיך, אַז אדרבא, וואָס קאָן זיין גרינגער, אַז ס׳איז דאָך ממש אַ טאַווטאָלאָגיע — א מענטש איז דאָך דאָס וואָס ער איז. אין דער אמתן איז עס זייער אַ האַרבע עובדה. און פאַראַן דערביי צוויי דימענסיעס: ראשית, הייסט עס זיין געטריי די אידעען און אידעאַלן וואָס זענען אײנעם טייער, און וואָס אָן זיי פעלט אינהאַלט און זין אין לעבן; שנית, הייסט עס זיין געטריי זיך אַליין, פאַרווירקלעכן — אין די גרענעצן פון אונדזערע מעגלעכקייטן — די פעיקייטן און טאַלאַנטן וואָס זענען אין אונדזער רשות.

אייגנטלעך קאָן מען די צוויי דימענסיעס נישט פאַנאַנדערטיילן; ס׳איז דאָ אַ ריטמישע, אַ דיאַלעקטישע, שייכות צווישן זיי. די אידעען און אידעאַלן זענען „אָביעקטיוו״, געהערן צום כלל, קען קאָן זיי אויסרעכענען און אָנווייזן אויף זיי. און פונדעסטוועגן זענען זיי אין דער בחינה פון רוי־מאַטעריאַל, און דער יחיד דאַרף זיי פאַרוואַנדלען אין אַ יש, ווערדליק זיין געביט, זיינע גייסטיקע השגות, ווערדליק דעם איכות פון זיין נשמה, פון זיין שכל און דמיון. די אידעען און אידעאַלן זענען דער ניגון, און ער מוז צושטעלן די ווערטער. די שייכות איז אַ דיאַלעקטישע: די אידעען און אידעאַלן וואָס איינער קלייבט אויס זענען משפּיע אויף זיין כאַראַקטער, שפּילן אַ ראָלע אין דער פאָרמירונג פון זיין „איך״; ס׳איז אָבער באַשיימפּערלעך, אַז אונדזער „איך״, אַז דער מהות פון און אידעאַלן מיר זענען זיך מתייחד. איך הייב אָן מיט דעם רעיון, מיט אַזאַ אַלגעמיינער באַמערקונג, מחמת איך וויל באַשטעטיקן, אַז דער מענטש אברהם גאָלאָמב, וואָס שרייבט און רעדט וועגן אינטעגראַלער יידישקייט, איז שלמותדיקער מענטש. איך באַנוץ נישט דעם אויסדרוק: אינטעגראַלער ייד, נאָך דווקא אינטעגראַלער מענטש, וואָרעם ביי אברהם גאָלאָמב, ווי ביי אונדזערע טאַטעס און זיידעס, איז זיין אַ ייד דאָס זעלביקע ווי זיין מענטש. „ער איז אַ שיינער מענטש״, האָט אַמאָל געמיינט, אַז מען איז אַ גוטער ייד, די צוויי ווערטער — ייד, מענטש — זענען ביי אונדזערע באָבעס און זיידעס געווען סינאָנימען, אָדער פּינקטלעכער, ייד, האָט כולל געווען אין זיך מענטש; אויב איינס פון די צוויי ווערטער איז געווען ברייטער איז עס געווען ייד, און ממילא איז מענטש געווען אַ פּרעדיקאַט פון טערמין ייד. חיים זשיטלאָווסקי האָט עס פאַרטייטשטש אָט אַזוי: וואָס מער ייד אַלץ מער מענטש, וואָס מער מענטש אַלץ מער ייד, אינעם ליכט פון גאָלאָמבס אינטעגראַלער יידישקייט איז נישט נייטיק די צווייטע העלפט פון זשיטלאָווסקיס דעוויז. גאָלאָמבס באַגריף איז נעענטער צו פּרצעס נביאישער דערקלערונג: „מיר דאַרפן זען די גאַנצע וועלט, אָבער זען זי מיט יידישע אויגן״.

יאָ, אברהם גאָלאָמב איז געווען געטריי זיך אַליין, און מחמת דעם האָט ער זיך דערגרונטעוועט צו דער שיטה וואָס ער רופט אָן אינטעגראַלע יידישקייט. ער איז געווען ער, און האָט נישט פאַרשעמט זיך אַליין. בכן מאַכט עס נישט אויס צי מען איז דורכויס מסכים מיט זיין שיטה צי נישט.

ווי איינער וואָס איז געווען געטריי זיך אַליין, ווי אַ לערער און א מורה־דרך, קאָן ער זיין אַ מוסטער, און ערשט נאָך דעם איז בסדר צו אַנאַליזירן זיין מחשבה, אַריינצודרינגען אין איר תוך.

II

כאַר אזעלכע וואָס וועלן אפשר טענהן, אַז די פראַזע אינטעגראַלע יידישקייט קלינגט פרעמד, לאָזט זי זיך „איבערזעצן״ אָט אַזוי: דער עקוויוואַלענט פון אינטעגראַלער יידישקייט, ווערדליק דער היינטיקער שטימונג, שליסט איין דריי אַספּעקטן פון יידישקייט: עם ישראל, מדינת ישראל, כנסת ישראל. צוליב כמה וכמה טעמים איז גאָלאָמבס אויסדרוק טרעפלעכער, ס׳איז קירצער, קאָמפּאַקטער; און „יידישקייט״, הגם איין וואָרט, איז אַ סינטעז, איז א געוועב אין וועלכן עם ישראל, מדינת ישראל, כנסת ישראל זענען אוממיטלבאַר אַריינגעפלאָכטן און דורכגעפלאָכטן, אָן דעם ביישטראָך אין פונקטואַציע, וואָס ביי קנאים הערט עס אויף צו זיין אַ צייכן אין פונקטואַציע און ווערט אַ וואַנט וואָס שיידט אָפּ.

נו, געוויס זענען פאַראַן אַזעלכע ביי וועמען מדינת ישראל, „דאָרטיקייט״, איז גענוג; און אַזעלכע ביי וועמען עם ישראל, „דאָיקייט״, קולטור־נאַציאָנאַליזם, שעפּט אויס זייערע התחייבותן צום פאָלק; און ליידער פאַרגרעסערט זיך די מחנה פון רעליגיעזע יידן ביי וועמען כנסת ישראל — דת און דין — ווערן אָפּגעזונדערט פון דער טאָג־טעג־

מישע מלחמה" און ער וואָרנט, אַז „מיר זענען אריינגעטראָטן אין אַן עפּאָכע ווען מאַסן־פֿאַרניכטונג, פּונקט ווי מאַסן־פֿאַרשקלאַפֿונג, אָרגאַניזירט דורך דער מלוכה, ווערט פּראַקטיצירט לעגאַל און דערפֿאַר אומבאַשטראָפֿט".

דער רעזולטאַט דערפֿון איז אַ שטייגנדיקע פֿאַרלייגנערונג דורך דער מלוכה, פֿאַרלייגנערונג פֿון דער ווירקלעכקייט און אָנדענק, פֿון דער קעגנוואַרט און פֿאַרגאַנגענהייט; דאָס פֿאַרניכטן דעם מענטש אין דעם מענטש און דער מאַסנווייזער מאָרד פֿון דערינערונגען; פֿעלקער־מאָרד איבער טויטע, ביי וועלכע מען האָט, נאָכן צונעמען דאָס לעבן, צוגענומען אויך דעם טויט.

אין סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד רעדט מען נישט וועגן דער פֿאַרניכטונג פֿון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום און אין פּוילן רעדט מען וועגן דעם אַלץ ווייניקער. אפֿילו אין דער אַקציע צו זאַמלען געלט פֿאַר אַ גרויסן שפּיטאָל און רעהאַביליטאַציע־צענטער אין וואַרשע, געווידמעט דעם אָנדענק פֿון צוויי מיליאָן פּוילישע קינדער, וועלכע האָבן געפֿונען זייער טויט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, דערמאָנט מען נישט, אַז אַן ערך אַנדערטהאַלבן מיליאָן פֿון די דאָזיקע קינדער זענען געווען יידישע (הגם די דייטשן אליין האָבן אריינגעשיקט פֿינף מיליאָן מאַרק אויף דעם צוועק און זיי דאַרפֿן דאָך וועגן אַזאַ פּרט וויסן).

ווינצענז שטרייכט אונטער, אַז אין זיינע געגנטן האָט די פּאָלאַקן און יידן מער פֿאַראייניקט ווי צעטיילט. ער דערמאָנט וועגן דער פּוילישער לאַנדשאַפֿט און די פּוילישע פֿאָלקס־מאָטיוון אין די טעקסטן פֿון בעל־שם־טוב, מענדל פֿון וויטעבסק, נחמן בראַצלאַווער און אַנדערע און ער שטעלט פֿעסט, אַז די דאָזיקע ליטעראַטור, הגם געשריבן אין דער יידישער שפּראַך, געהערט אין אַ גרויסער מאָס צו דער פּוילישער ליטעראַטור. ער ווייזט אויך אָן אויף דער אַכטונג פֿון די הוצולישע גייסטלעכע פֿאַר דער יידישער רעליגיע, אויף דער גאָטספֿאָרכטיקייט פֿון די חסידים, און אויף די בפּירושע נוצן וואָס דרינגען ארויס פֿון די דאָזיקע צווישן־עטנישע קולטור־פֿאַרבינדונגען. אין אַ הערלעכן פֿראַגמענט אינעם לעצטן באַנד „אויף דער הויכער פּאָליאַנע" אונטערן טיטול „בעלי־עגלות" שילדערט ווינצענז דעם עלטסטן פֿון די קאָלאָמייער בעלי־עגלות, וועלכער „רעדנדיק אין יידיש, האָט געשעפּט זיינע אַקצענטן פֿון אויפֿריכטיקייט פֿון אוקראַיניש, גלערנטקייט פֿון דייטש, עלעגאַנץ פֿון פּויליש און די העכסטע חכמה פֿון העברעיש".

ווינצענז מאַכט אויפֿמערקזאַם, אַז אין די קרעסן־קאָנפֿליקטן זענען די יידן „פֿון די צייטן פֿון כמיעלניצקי און ווישניאָוויעצקי, און אפֿילו פֿריער, געשטאַנען אויף דער זייט פֿון די פּאָלאַקן" און אַז „די יידישע מאַסע האָט במשך יאָרהונדערטער זיך געפֿילט סאָלידאַריש מיט דער פּוילישער מלוכה". אין דעם עסיי „די אויסגעטראַכטע ווירקלעכקייט" דערמאָנט דער אויטאָר, אַז יידן האָבן פּאַרטיידיקט אומאַן צוזאַמען מיט די פּאָלאַקן און זיי האָבן מאַסנווייז זיך ארויסגעזאָגט פֿאַר פּוילן אין די יאָרן 1920—1921 אין גאַליציע „טראָץ די באַדויערנסווערטע אַנטי־יידישע עקסצעסן אין לעמבערג סוף יאָר 1918".

„יידישע טעמעס" באַהאַנדלען זייער אַקטועלע היינט פֿילאָזאָפֿישע פֿעסטשטעלונגען. דער בעל־עגלה בנימין פּעטראַנקער זאָגט: „קיין הונדערט פּראָצענט גערעכטיקייט איז נישטאָ; דער וואָס זאָגט, אַז ער איז הונדערט פּראָצענט גערעכט איז אַ פּאַסקודנער פֿאַרגוואַלטיקער, שרעקלעכער רויבער, דער גרעסטער ליידאַק". אין די מעטאַפֿיזישע געדאַנקען וועגן דער איינסקייט פֿון קעגנזאַצן („סמאל אין הימל") לייענען מיר: „מענטשן האָבן פֿאַרלאַנגט דאָס אָפּהיטן מענטשלעכע רעכט פֿון אַלעמען, נישט נאָר פֿון אַנדערע מענטשן, נאָר אויך פֿון ערד און הימל, אָבער קיינער האָט נישט פֿאַרלאַנגט דאָס פֿון זיך אליין". עס געפֿינט זיך אויך דאָ די בעסטע ביז איצט דעפֿיניציע פֿון שלעכטס: „אין אים איז פֿאַראַן אַממערסטן דאָס וואָס איז אומדערוואַרט".

אין דער הקדמה צו דעם אויסקלייב פֿון ווינצענזס עסייען א"נ „אויף דער זייט פֿון אָנדענק" שרייבט מילאָש (טשעסלאַוו): „דאָרט וווּ ס'איז נישטאָ קיין זכרון, איז אויך די צייט א פּוסטקייט; אויף דער שטח, ביימער און סקאַלעס רעדן צו אונדז, אָבער מיר פֿאַרשטייען זיי נישט. נאָר דורך געדענקען קענען מיר זיך אויסלערנען צו פֿאַרשטיין זייער שפּראַך".

ווינצענז פֿאַרגעדענקט לידנשאַפֿטלעך ספּעציעל דאָס וואָס איז געווען אַמוויכטיקסטן און דאָס בעסטע, און וואָס מען טאָר נישט לאָזן אויפֿן גורל פֿון פֿאַרגעסנקייט: „וויפֿיל גייסטיקע קראַפֿט האָט געשטעקט הינטער די דאָזיקע מיזערנע קאַפּאָטעס" — רופֿט ער אויס, דערמאָנענדיק די חסידים ביי טשערעמאָש. ער פֿאַרגעסט אויך נישט אָפּצוגעבן כּבֿוד די פֿאַרשטאָרבענע, וועלכע מען האָט ביים לעבן, און אָפֿט אויך נאָכן טויט, דאָס אָפּגעזאָגט: „איך דערמאָן מיין שכן, דעם גערעכטן אַלטיטשקן בערל לאַנטנער, וועלכער האָט, ווען די געסטאַפּאָוצעס האָבן אים געפֿירט, באַרואיקט די פֿאַרזאַמלטע איבערגעשראָקענע און מורמלענדיקע פּויערים: „קינדער, דאָס אַלץ איז פֿון גאָט, באַקלאָגט זיך נישט".

איך קען היינט נישט מסכּים זיין מיט דעם גאָטספֿאָרכטיקן בערל, אַז „דאָס אַלץ" איז געקומען פֿון גאָט, אָבער צוזאַמען מיט ווינצענזן בייג איך מיין קאָפּ פֿאַר דער גייסטיקער קראַפֿט, וואָס האָט געשטעקט הינטער דער פּשוטער קאַפּאָטע. איך בייג אויך מיין קאָפּ פֿאַר די אידעלע געפֿילן פֿון ווינצענזן און דער פֿילבאַרקייט פֿון זיין זכּרון: „צענדליקער און הונדערטער פֿון יענע פּנימער פֿון יענעם ברעג שטופּן זיך, איך באַגריס זיי" — שרייבט ווינצענז אין די „דערמאָנונגען פֿון די קאָלאָמייער יידן". זיינע „יידישע טעמעס" זענען טאַקע אַ פֿאַרהערלעכונג פֿון די פֿאַרשטאָרבענע.

לאָמיר אויך געדענקען פֿונעם דערמאָנטן בוך די דעפֿיניציע פֿון גאָט: „ער איז איינציק צווישן אַלע פֿאַרגעסנקייטן פֿון דער וועלט". דאָס הייסט, אַז דאָס געדענקען דערנענטערט אונדז צו געטלעכקייט. ווינצענז הייסט אונדז געדענקען. אין זיינע שריפֿטן איז פֿאַראַן עפּעס אַזעלכעס וואָס מען טרעפֿט שוין היינט נישט מער אין דער ליטעראַטור, כאָטש אַמאָל האָט מען בלויז דאָס געזוכט אין איר. דאָס האָט אפֿשר געהייסן — הייליקייט.

הענריק גרינבערג (ניו־יאָרק)

פון פויליש: ה. באַכראַך

# אַ פאָרם פון געדענקען

דער מחבר פון דער בוך־רעצענזיע איז אַ באַקאַנטער יידישער שרייבער, וועלכער שרייבט מערסטנס אין פויליש אויף יידישע טעמעס, ספּעציעל פון נאָכמלחמהדיקן פוילן. ער איז ארויס פון דעם נאַצי־חורבן אַלס אַ קליין יינגל, דורכגעמאַכט די יוגנט אין די יידישע שולן אין דעם נאָך־מלחמהדיקן פוילן; געוואָרן אַ יידישער אַרטיסט אין דער טעאַטער־טרופּע פון אידאַ קאַמינסקאַ, און בעת דער טרופּעס אויפטריטן אין אמעריקע, „פאַרשווּנדן" דאָרטן... ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין פויליש, ער דרוקט זיך אין פוילישע עמיגראַנטישע זשורנאַלן, דער עיקר אויף יידישע טעמעס. ער האָט לעצטנס ארויסגעגעבן זייער אַ גוט ביכל א"נ „אידעאָלאָגישע דערציאונג" אין וועלכן ער שילדערט די איבערלעבונגען פון אַ יידישן יינגל אין דעם קאָמוניסטישן דערציאונג־סיסטעם. ער דערמאָנט ביי דער געלעגנהייט ווי דער לערער **יודל קערש** האָט אים אַ מאָל „געראַטעוועט" בעת א משפט איבער אים אין שול־קלאַס צוליב זיין אפיקורסות.

אין דער איצטיקער רעצענזיע באַהאַנדלט ער דאָס בוך פון דעם באַקאַנטן פוילישן שרייבער און אוהב־ישראל **סטאַניסלאַוו ווינצענז**, וועלכער איז מיט אַ צייט צוריק געשטאָרבן.

סטאַניסלאַוו ווינצענז שטאַמט פון גאַליציע, געלעבט דאָרט אַלס אַ פאַרמעגלעכער מענטש צווישן די הוצולן און איז געווען אַן עקספּערט פון זייער לעבנס־שטייגער. דאָס גלייכן קאָן מען זאָגן וועגן זיין קענען די אָרטיקע יידן און פאַרשטיין זייער חסידישן אָרט לעבן. ווינצענז איז געווען נאָענט באַפריינדעט מיט רחל אויערבאַך און זי האָט אים צונויפגעפירט מיט איציק מאַנגער, וועלכער האָט פון אָט דעם „גוי" געלערנט פיל פון דעם גאַליצין יידישן פאָלקלאָר.

צום אָנדענק פון די יידישע קרבנות פון נאַצי־חורבן, האָט ער אָנגעשריבן אייניקע פערזן, וועלכע זענען געוואָרן איבערגעזעצט אין עברית און זיי ווערן געזאָגט ווי אַ תפילה אויף געטאָ־אזכרות אין ישראל.

**„איך האָב קיין מאָל נישט געזען ער זאָל רעדן וועגן יידן אַנדערש ווי מיט טרערן אין די אויגן" — שרייבט** זשאַן הערש (**דער זון פון פּראָפ. ליבמאַן הערש — איבערז.**) **אין דער פאָררעדע צו דעם בוך פון סטאַניסלאַוו ווינצענז, וואָס איז דערשינען נאָך זיין טויט א"נ „יידישע טעמעס"** (לאָנדאָן, 1977), ווינצענז שרייבט אויך וועגן יידן מיט טרערן אין די אויגן. ער איז געווען איינער פון די זייער ווינציקע פּאָלאַקן, וועלכע האָבן יידן אויף אַן אמת געקענט און פאַרשטאַנען. פון די פוילישע שרייבער פון נישט־יידישער אָפּשטאַמונג קען מען אים בלויז פאַרגלייכן צו לעאָפּאָלד בוטשקאָווסקי. די גינציקע פאַראינטערעסירונג מיט יידן נעמט זיך ביי ווינצענזן פון זיין איינגעבוירענע גינציקייט צו מענטשן, ברייטע גייסטיקע האָריזאָנטן, און קולטור־אַרטיסטישע און פילאָזאָפיש־גייסטיקע מאָטיוון. ווינצענז איז געווען אַ קאַטאָליק פון אַ טיף־גלויביקער פאַמיליע, וועלכער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דווקא די צוגעבונדנקייט צו דער אייגענער רעליגיע האָט אים דערנענטערט און געצויגן צו דער אייפעריקער רעליגיעזקייט פון די חסידים. ער באַצייכנט זיי אַלס „גאָטספאַרכטיקע, אָנגענעמע און מענטשן פול מיט גוטן ווילן", וועלכע עס האָט כאַראַקטעריזירט „צוטרוי צו גאָט, די פרייד פון דעם דאָזיקן צוטרוי און דער אויספיר דערפון, אַז פאַר ריינע הערצער איז גאָט דערגרייכבאַר אויף פאַרשידענע אופנים".

ווינצענז האָט געשטאַמט פון די מזרח־קאַרפּאַטן, דאָס פּאַטערלאַנד פון חסידיזם, דאָס לאַנד פון בעל־שם־טוב, וווּ — ער שרייבט — „עס האָבן דורך יאָרהונדערטער זיך געטראָגן די גערוישן פון די תפילות צום הימל". זשאַן הערש ווייזט אָן, אַז ווינצענז „האָט צונויפגעזאַמלט אין זיך די מינדלעכע טראַדיציאָנעלע אוצרות פון די פּאָלאַקן, הוצולן, רומענער, אוקראַינער און יידן (חסידים)" און „ער ברענגט צוריק צום לעבן די נשמות און חכמה פון אַ סך פאַרשווּנדענע וועלטן".

ווינצענז האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז ער איז געווען איינער פון די לעצטע עדות פון דער פאַרשווּנדענער וועלט פון פוילישן יידנטום און אין זיינע „לעמבערגער קאָסמאָפּאָליטן" האָט ער אַזוי פאָרמולירט זיין מיסיע: „ביים פאַריידישן אויף דאָס ניי די שרעקלעכע פּוסטקייט, גיי איך געוויינלעך אויפן וועג פון דאַנטע אַליגערי, וועלכער האָט באַפעלקערט די העכסטע רעגיאָנען פון גן־עדן מיט פּאַטריאַרכן, נביאים און אפילו יידישע פרויען. איך טו דאָס נישט דערפאַר ווייל איך האַלט, אַז איך בין צו דעם באַרופן, נאָר טאַקע צוליב דער מורא, אַז קיין באַרופענע זענען שוין נישטאָ".

שרייבנדיק וועגן די לעמבערגער יידן, שטרייכט אונטער ווינצענז, אַז „זיי לעבן נאָר אין אונדזערע זכרונות". זיינע שריפטן געווידמעט יידן זענען אַ פּראָטעסט קעגן דער אויסראָטונג און גלייכגילטיקייט פון די וועלכע זענען געווען די עדות פון דעם, אין די „דערמאָנונגען פון די קאָלאָמייער יידן" רופט דער דאָזיקער אויסגעצייכנטער קלאַסיקער צו הילף די אַלטערטימלעכע האַלב־געטער: „זאָלן די דאָזיקע האַלב־געטער פון דעם בלוט וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אין דעם וועלדל אין שעפּאַראָווקע דערגרייכן נישט בלויז די שולדיקע, נאָר אויך די גלייכגילטיקע. זיי פאַרלאַנגען נישט נקמה נאָר געדענקען". דער אויטאָר פירט אויס, אַז „יעדע פאָרם פון געדענקען און כבוד איז געווּנטשן, נאָר נישט צו דערלאָזן די גלייכגילטיקייט". פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון פון דער מענטשלעכער אומבאַהאָלפנקייט אין דעם אָנבליק פון דעם פאַרנעם פון דעם היטלעריסטישן פאַרברעכן: „לײדער, האָבן די אומגעהויערע ציפערן פון דער פאַרניכטונג גורם געווען ביז איצטער מער צו גלייכגילטיקייט ווי צום פאַרגעדענקען". ווינצענז ווייזט אָן, אַז די פאַרניכטונג פון די יידן אויף דער פוילישער ערד איז געווען אַ „פּראָגראַם פון פאַרניכטונג וואָס וואָלט נישט פאַרשעמט קיין שום אַטאַ־

זיי אריינגעקראָגן אַ גרענעצלאָזן אומעט און מורא — ביי גוים שינאה און אומגעדולד... דאָס זענען געווען די „שיינע מתנות", וועלכע די נייע הערשער פון „קרעמל" האָבן באַצאָלט פאַר די באַזעס אויף וועלכע זיי האָבן זיך אַרונטערגעלאָזן ווי רויב־פויגל אויף זייער אונטערטעניקן קרבן, און, מ'האָט געוואַרט... אויף וואָס? דאָס האָט קיינער ניט געוווסט.

דער איינציקער פריילעכער פאַרשוין אין דעם אומעט, איז געווען יאַנקל דער משוגענער, וועלכער האָט געטיקעט מיטן פינגער אויף די בילדער פון דעם „פאָטערל פון די פעלקער", מיט דעם כינעזישן מידעלע, וועלכע האָט געשמייכלט מיט אַ ניט פאַרגענעריש שמייכעלע, אויף איר מומיע פנימל און האָט געשריען: — און איר צווייפלט נאָך אין „ביאת המשיח", און אין „וגר זאב עם כבש"?! אָט זענען זיי דאָך ביידע, דער זאב מיטן כבש, און די משוגענע אויגן זיינע, האָבן זיך ביי אים צעבליצט און דער האַלדז האָט געשאָטן מיט הייזעריקן געלעכטער... ייִדן האָבן יאַנקלען געקלאַפּט אין פּלייצע, זאָגנדיק: אוי יאַנקל, כ'לעבן, ביסט גאָרניט משוגע!...

יידן האָבן זיך געטרייסט. ס'האָט געקענט זיין נאָך ערגער. מ'האָט געקענט אריינפאַלן צו די דייטשן...

און די דייטשן זענען געקומען: פאַרלאָרן פאָלק מיינס! די שינאה צו דיר האָט זיך געשפּאַרט פון אַלע זייטן, אַלעמענס אויגן האָבן אונדז געשטאָכן און זיך געפעדערט אָפּצורעכענען מיט אודז, פאר וועלכע זינד?!

די יידן זענען כהרף עין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שקלאַפן. צעשיקט איבער אַלע דורך די דייטשן פאַרנומענע געביטן. האָפענונגען, פאַנטאַזיעס, ליכטיקע צוקונפט, ליבע צו מענטשן, אַל'ץ איז געלעגן באַשפּיגן און צעשמעטערט, זיך געוואַלגערט אין מיסט. דער ייד האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קנויל פון ליידן, פּיין און שרעק, ווי קערנער צעוואָרפן איבער אַ ברייטן פעלד, האָבן יידן געשקלאַפט און דאָך געהאָפט אויף באַפרייאונג, צו זען נקמה.

אָנהויב 1945, אין חודש מערץ איז צעבראָכן געוואָרן דער חוט השדרה פון דער דייטשער אַרמיי, און די „העלדן" האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין פחדנישע שקלאַפן, מ'האָט געשניטן איינע די אַנדערע און דאָס בלוט האָט זיך געמישט צוזאַמען מיט בלאָטע, און די נייע זיגער האָבן געוועלטיקט איבער די נייע פאַרלירער — מיט דער זעלבער רציחה און דורש נאָך בלוט.

די לעבן געבליבענע, אויסגעדאַרטע סקעלעטן, האַלב טויטע יידן אָנגעטאָן אין פרעמדע און משונה'דיקע בגדים, מיט אויגן, פון וועלכע ס'איז מיטאַמאָל פאַרשווונדן דער אָקאָרשטיקער יאוש, זענען זיך צעקראָכן איבער דער צעשטערטער און פאַרהאַסטער דייטשלאַנד. איבער פרעמדע וועלדער און פעלדער האָט איר זיי געקאָנט טרעפן, זיי האָבן נישט געהאַט קיין טאַטעס, קיין מאַמעס, קיין מענער, קיין קינדער, קיין היימען, קיין ווייבער, — דאָס גאַנצע איבערבלייבעכץ איז געווען דאָס אייגענע באַוועגלעכע זעקל ביינער.

כינאָוו, דער גרויסער דאָרף אין פרייסן, אַן ערך פערציק קילאָמעטער פון דאַנציג, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א בלוטיקן און שטינקענדיקן קעסל. ביים אָנהויב דאָרף, איז געשטאַנען אַ גרויסער שטאַל, האַלב צעשאָסן, אין דעם שטאַל האָבן די דייטשן אריינגעטריבן עטלעכע הונדערט פרויען פון וועלכע א טייל זענען זיך צעקראָכן נאָך דעם אָנקומען פון דער רוסישער טאַנקן אָפּטיילונג, און די מערסטע זענען געלעגן מאַכטלאָז כמעט אָן סימנים פון לעבן.

אין אַ ווינקל, ביי די פיס פון אַן אַלט פערד, וועלכער האָט שוין ווי עס ווייזט אויס צו גאָרנישט געטויגט, איז געלעגן א קליינער איינגעדאַרטער גוף, איינגעוויקלט אין שמאַטעס. די נייגעריקייט האָט מיך געטריבן אריינצוקוקן אין פנים פון דעם דריי פערטל מת און כ'בין דערשטוינט געוואָרן ביז צום חלשן. דאָס איז געווען שיינעלע...

איך האָב אַ פאַל געטאָן אויף די קני, און אויסגעשריען מיט מיין גאַנצן כוח:

— שיינעלע, ליכטיקע שיינעלע, — שטייט אויף, מיר זענען פריי!!!

זי האָט געעפנט אירע ליכטיקע ביר־אויגן, אַ שטראַל פון דער פריער פרילינג־זון האָט געגעבן אַ גלעט איר אויסגעמוטשעטן פנים, זי האָט געגעבן אַ לאַנג פאַרגעסענעם שמייכל. אירע וויעס האָבן זיך לאַנגזאַם צוגעמאַכט און זי איז איינגעשלאָפן — אויף אייביק.



די יידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק און קולטור־צענטער „קדימה" איז שטאָלץ מיטן כבוד וואָס עס איז צוגעטיילט געוואָרן דער יידישער שפּראַך דורך אויסטיילן דעם נאָבעל־פרייז פאַר ליטעראַטור פון יאָר 1978, דעם שרייבער

**יצחק באַשעוויס**

מיר שיקן אים איבער אונדזערע ברכות און אַ האַרציקן מזל־טוב.

„קדימה"־קאָמיטעט

ניט געקענט גלויבן, אַז דאָס וואָס קומט פֿאָר מיט איר איז ניט קיין חלום. צדוק, דער קרוב איז דערווײַל ארויס פֿון אַ זײַטיקן צימער מיט מאַטילדען; בײַ שײַנעלען זענען די אויגן געוואָרן פֿול ווי די לאָגלען, מאַטילדע האָט איר אָפּגעמאָסטן מיט אַ גרויסשטעטישן בליק און געזאָגט עפּעס אויף אַ שפּראַך, וועלכע שײַנעלע האָט ניט פֿאַרשטאַנען, נאָר צדוק האָט געגעבן אַ שמייכל און בײַ שײַנעלען האָט זיך ארונטערגעקייקלט אַ שטיין פֿון האַרצן... מ׳האָט שײַנעלען באַזעצט בײַ אַ מאַשין, און ס׳האָט ניט געדויערט לאַנג, ווי מאַטילדע האָט דערזען, אַז זי האָט פֿאַר זיך אַן אוצר. אַ יאָר איז אַוועק און שײַנעלע האָט ארויסגעלאָזן אַרבעט פֿון אירע הענט, וועלכע מ׳האָט אַרײַנגעשטעלט אין די שויפֿענסטער.

בערע, דער בעל־עגלה איז געוואָרן אַן אָפֿטער אײַנגייער בײַ שײַנעלעס טאַטע־מאַמע, און יעדער מאָל ארויסגעשלעפּט פֿון די וואַטאָווע הויזן אַ פּעקעלע מיט אַ בריוול, און דאָס גאַנצע נחת־רוח האָט זיך צעשפּרייט אויף זײַן האַמעטנעם פּנים.

אין דעם ייִדישן הײַזל, אין דער גויאישער געסל, האָבן העלער ווי שטענדיק אָנגעפֿאַנגען צו לויכטן די לאָמפּן.

די שוועסטערלעך האָבן זיך באַוויזן מיט נײַע קליידעלעך, דער טאַטע מיט אַ פּאָר נײַע סקריפּנדיקע שטיוול, און די מאַמע מיט אַ נײַער טערקישער שאַל, האָט שעמעוודיק מיט אַ שטילן שמייכל, צום וווּנדער פֿון די ווײַבער, זיך באַוויזן שבת אין שול.

ווי אַזוי שײַנעלע האָט זיך באַקענט מיטן סטודענט יאַשאַ צעמאַכאָוויטש, האָט קיינער נישט געוווּסט, אפֿילו ניט די בעסטע חברטע, וועלכע שײַנעלע פֿלעגט פֿאַרטרויען אירע סודות. נאָר אײן מאָל, ווען די זעלבע חברטע האָט שײַנעלען באַגעגנט שבת צו נאַכט, אויף דער שענסטער גאַס, אויסגעפּוצט עלעגאַנט, אונטערן אָרעם מיטן שײַנעם מיוחסדיקן יאַשאַן, האָט אַ מאָדנער פּאַדרוס זיך אַרײַנגעכאַפּט אין איר האַרצן: — דאַכט זיך אַזוי נאַאיוו, אַזוי קליינשטעטלדיק, גאָט די נשמה שולדיק, אַראָפּגעקומען פֿון אַ העק, און נאַדיר אַזאַ העכט!... ניט אומזיסט איז איר טאַטע אַ פֿישער, האָט געלאַכט אַ צווייטע מיידל, ער האָט איר אויסגעלערנט, ווי עס ווײַסט אויס צו כאַפּן די בעסטע העכט...

מ׳האָט שײַנעלען געשטאָכן מיט דינע שפּילקעלעך... אָבער שײַנעלע האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק, נאָר טיפֿער אַרונטערגעלאָזן דעם קאָפּ צו דער נאָדל.

זי האָט באַשלאָסן זיך מיט קיינעם ניט צו טיילן מיט איר גליק. די שבת צונאַכטן, זענען געווען די גליקלעכסטע אין איר לעבן. ווײַזט אויס, אז דער אידעלער סטודענט האָט געפֿונען אינטערעס אין דער קליינשטעטלדיקער מיידל. ער איז נתפּעל געוואָרן פֿון איר אידלקייט, צאַרטקייט און גוואַלדיקער פֿעאיקייט, ער האָט אפֿילו געפֿונען פֿאַר נויטיק מיט איר לערנען העברעאיש און אַלגעמיינע לימודים, און שײַנדעלעך האָט זיך ארויסגעוויסן צו זײַן א וווּנדערלעכע תלמידה.

זי האָט געלעבט אין אַ וועלט פֿאַר זיך, אַרײַנגעלייגט איר נשמה אין דער אַרבעט, די דינע נאָדל אין שײַנעלעס אויסגעאײדלטע פֿינגער האָבן באַוויזן נישט קיין פּשוטע אַרבעט, נאָר דאָס זענען געווען קונסט־שטיק, וועלכע מבינים האָבן באַוווּנדערט.

איינמאָל, ווען שײַנעלע איז געזעסן פֿאַרטיפֿט אין איר אַרבעט, האָט איר מאַטילדע געשיקט רופֿן; שײַנעלע האָט זיך דערשראָקן, אָבער ווען מאַטילדע האָט צו שײַנעלעס איבערראַשונג, געעפֿנט דעם קליידער־שאַנק און ארויסגעצויגן פֿון דאָרטן אַ פּרעכטיק קלייד, צוגעבנדיק דערבײַ: „וואַלאַ מאַ שער׳ סאַ סע פֿורטונאַ״ (אָט האָסטו מײַן טײַערע, דאָס איז פֿאַר דיר), — האָט זיך בײַ שײַנעלען געשטעלט די שפּייעכץ אין האַלדז און זי האָט זיך צעהוסט מיט סכנות, אַזש ס׳איז פֿון איר גרויס איבערראַשונג ארויסגעפֿאַלן די נאָדל פֿון האַנט, און זי איז געוואָרן רויט, ווי ס׳וואָלט איר ווער צעפּאַטשט מיט אַ שטאַרקער האַנט... דעם זעלבן שבת צונאַכט, ווען יאַשאַ איז אַן אויסגעפּוצטער מיט א נײַער סטודענטישער היטל פֿאַרשאַרט אויפֿן ווײַסן שטערן, מיט אויגן בלאָער ווי בלאָ, מיט האָר, וועלכע האָבן געשײַנט פֿון שוואַרץ, מיט אַ שמייכל, ווי ער וואָלט אײַנגענומען די גאַנצע וועלט, האָט אים שײַנעלע דערלאַנגט אַ האַסטיקן קוש אין נאָז, און פֿאַרשווּנדן הינטערן געבלימלטן פֿאָרהאַנגל, ס׳האָט נישט געדויערט לאַנג און פֿון הינטערן פֿאָרהאַנגל איז ארויסגעשווּמען אַ פּרינצעסין. די טונקל גאָלדענע האָר הויך פֿאַרקעמט, מיט אַ טורמל אויפֿן שפּיץ, מיט צוויי חנעוודיקע לעקעלעך בײַ זײַטן, ס׳פּנים ווײַס און ראָז, דאָס געטאָקטע נעזל באַשפּרינקלט מיט עטלעכע חנעוודיקע זומערשפּרינקעלעך, דער הויכער ווײַסער האַלדז, ווי א ווײַסע קיילעכדיקע קאָלאָנע, וועלכע האַלט אונטער אַ פּרעכטיקן באַלקאָן... און דאָס נײַע קלייד אויף דער געטאָקטער פֿיגור, האָט יאַשאַן אינגאַנצן צעטומלט, ער האָט זיך געגעבן אַ ריס פֿון זײַן שטול, אַרומגעכאַפּט שײַנעלען און איז געבליבן אַ מידער איר קושנדיק. שײַנעלען האָט פֿאַרכאַפּט דער אָטעם פֿון גרויס גליק, זי האָט זיך קוים ארויסגעריסן פֿון זײַנע הענט, און יאַשאַ האָט געשריען, — ווי שיין דו ביסט!

אַ צײַט שפּעטער, איז שײַנעלע אײַנגעלאַדן געוואָרן אין דעם גבֿרישן הויז פֿון יאַשאַס עלטערן...

1940. אין דעם שײַנעם און וואַרעמען חודש יוני האָבן די רוסישע טאַנקען אריבערגעשפּרייזט די גרענעץ פֿון דער קליינער ליטע, און איר צעקוועטשט... דאָס לענדעלע איז באַשאָנקען געוואָרן מיט האַרצרייסנדיקע לידער, מיט פּאַראַדן, מיט אויסגעדאַרטע פֿערדלעך; מיט אַ טראַסקען פֿון מוזיק אין די באַגינענס; מיט אַ נאָכלויפֿעניש פֿון קליינע קינדער נאָך די זינגענדיקע סאָלדאַטן; מיט לאַנגע רייען נאָך ברויט; מיט גרויסע בילדער אין אַלע אויסשטעל־פֿענסטער, בילדער פֿון דעם קליינווּקסיקן און שמאָל־פּלייציקן פֿאָטערל „פֿון אַלע פֿעלקער״, וועלכער האָט געשמייכלט מיט אַ האַלב ניט פֿאַרענדיקט שמייכל, און אפֿילו דאָס כינעזישע מידעלע אויף זײַן שויס, האָבן ניט אָנגעזאָגט קיין גוטס... די מײַלער בײַ די בירגער האָבן זיך פֿאַרשלאָסן, און די אויגן? — בײַ ייִדן האָבן

בענטשן, האָט קיינמאָל קיינער ביי זיי ניט געקלאַפּט אין טיר. דאָס קלענסטע שוועסטערל, האָט געגעבן אַ שטופּ די טיר און געגעבן אַ געשריי: אוי מאַמע — אַ מענטש!... און זי איז געלאָפן צו דער מאַמען און איר אָנגעכאַפּט פאַרן קלייד, די מאַמע האָט געגעבן אַ קוק אויף דעם מענטש, זי האָט צוזאַמענגעצויגן די ברעמען, ווי פון קאָפּ־ווייטיק, און אַ ראַזקייט האָט באַדעקט איר בלייכן פּנים, זי האָט אים גלייך דערקענט: דאָס איז געווען אַ קיילן געוויקסיקער מאַן, שוואַרץ און דאַר, מיט אַ קאָפּ געדיכט געקרויזלטע האָר, מיט אַ פּאָר פּענסנע אויף אַ גרויסער און הויקערדיקער נאָז. סערל איז צוגעלאָפן צו אים און אויסגעשריען, — אוי צדוק, אזויפל יאָרן! ווי קומסטו אַהער?! זיי האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענט און ביידע זענען צוגעקומען צום שבת׳דיקן טיש, די דריי מיידלעך האָבן שעמעוודיק זיי ארומגערינגלט, און פרעגנדיקע בליקן געווענדט צו דער מאַמען, וועלכע איז געשטאַנען אַן אויפגעלעבטע און צערויטלטע, ווי אַ יונג מיידל, און קוים געהאָט כוח פאַרצושטעלן דעם גאַסט.

— דאָס איז קינדערלעך מיינער אַ גלידשוועסטערקינד, יאָרן ווי מיר האָבן זיך נישט געזען! דער גלידוועסטערקינד האָט זיך צעקושט מיט אַלע מיידלעך זיי געגלעט די גלאַטע בעקלעך און זיך געוווּנדערט ווי די צייט שטייט ניט אויף איין אָרט. ר׳ דוד איז אויפן שוועל ארויס פון קיך און געגעבן שלום עליכם דעם גאַסט, און אין שטיבל איז געוואָרן לעבעדיק. דער שבת איז אוועק אין שמועסן וועגן שיינעלעס תכלית. ביי סערלען זענען די באַקן געווען צעפלאַמט און די אויגן פול מיט טרערן. אזוי ווי דער גלידשוועסטערקינד לעבט אין דער גרויסער שטאָט, און האָט דאָרטן פאַרבינדונגען, מיט אַ שיינער פרנסה, זאָל שיינעלע פאָרן מיט אים און זיך דאָרטן לערנען דאַמענשניידעריי און דער אויבערשטער וועט ניט פאַרלאָזן.

ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט און די פאַמיליע האָט ארויסבאַגלייט שיינעלען מיט האַלדזן זיך און קושן זיך, מיט ווינטשעוואַניעס און אָנזאָגעכצער, מיט אַ געבעט צום אויבערשטן, אַז ער זאָל איר אויסהיטן פון אַלע סיבות רעות, בייזע טרעפעכצער, און זי זאָל למען השם ניט פאַרגעסן צו שרייבן יעדע וואָך אַ „אָטקריטקע" מיט בערע דעם באַלעגאָלע. שיינעלעס האַרץ איז געוואַקסן פון שמחה. פון גרויס פרייד האָט זי פאַרלאָרן דעם אַפּעטיט. און די פאַנטאַזיעס האָבן צעטראָגן און צעפּטרט די רואיקייט און געמיטלעכקייט, פון איר ביז איצטיקן לעבן. אַלץ איז איר געפאַלן פון די הענט, די מאַמע האָט זיך געשראָקן, געהאַלטן אין איין דערמאָנען דעם קרוב צדוק; דו זעסט דאָך וואָס עס טוט זיך מיט איר, אונדזער אויג אין קאָפּ, לאָז פון איר קיין אויג ניט אַראָפּ... דער קרוב האָט געלאַכט פון דער קליינשטעטלדיקער צעיאַכמעטקייט און הייליק צוגעזאָגט צו היטן שיינעלען פון אַלדאָס בייז...

די גרעסטע שטאָט פון דער קליינער ליטע, האָט אויף שיינעלען געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. זי האָט זיך געהאַלטן אין איין קנייפּן, אפשר חלומט זי, אָבער ס׳איז ניט געווען קיין חלום, די ביינאַכטיקע ליכטער האָבן געריסן די אויגן. דער שטאָטישער טומל האָט געהוזשעט אין די אויערן, און אַ גאַנצע וואָך ניט געלאָזן שיינעלען איינשלאָפן אויף אַ מינוט אפילו, זי האָט רעכט ניט געוווּסט ווי לאַנג זי געפינט זיך אין דער שלאָפלאָזיקייט, זי האָט זיך געוואָרפן אויפן שמאָלן בעטל אין איר פיצינקן צימערל, אויפן דריטן שטאָק... ווו אין פענסטער פון אַנטקעגן איבער, האָט אַ גרינע ליכט זיך געלאָשן, און געצונדן גלייך אין שיינעלעס פּנים אריין... אַ געמיט פון גליק, בענקשאַפט, עלנטקייט און פאַרלאָרנקייט, האָט זיך ביי איר געמישט אין קאָפּ, און ס׳האָט זיך איר געדוכט, אַז דאָס גליק ווערט איינגעזונקען אין דער פאַרלאָרנקייט...

דעם קרובס ווייב, וועלכע האָט ארויסגעוויזן גרויס פריינדשאַפט צו איר, האָט געשפּאַסט פון שיינעלעס צעטרודערטקייט און איר אַ נאָמען געגעבן, דאָס חיה׳לע פון ווילדן וואַלד ארויס... שיינעלע האָט זיך גערויטלט, געשמייכלט מיטן טאַטנס שמייכל, און ניט געוווּסט, צי זי זאָל זיך באַליידיקן, אָדער אויפנעמען גוטמוטיק די שטעכווערטלעך...

אויף „לייסוועס אַליי" (די אַלייע פון פרייהייט) אויף דער הויפּט־גאַס האָט זיך געפונען דאָס עלעגאַנטע מאָדעסאַלאָן מיטן נאָמען „פּאַסאָן", אָנגעפירט פון אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן מיטן נאָמען מאַטילדאַ. מאַטילדאַ איז געווען שטענדיק עלעגאַנט און גרויס שטעטיש אָנגעטאָן, געקליידעט לויט דער לעצטער מאָדע.

זעקס חדשים אין יאָר, האָט מאַטילדאַ פאַרבראַכט אין פּאַריז; פון צייט צו צייט זיך אַרונטערגעכאַפּט קיין לאָנדאָן, צוריק פלעגט זי קומען אַ מידע, אַן אויסגעצערטע און אַן אויפגערעגטע. גערעדט אַ סך. געהאַלטן אין איין דערקלערן די יונגע נייטאָרינס, וועלכע זענען געווען אָנגעשטעלט ביי איר. זיי האָבן איר רעספּעקטירט מיט ציטערניש, באַוווּנדערונג. גערעדט האָט מאַטילדע צו זיי, ווי זיי וואָלטן געווען אירע אייגענע טעכטער.

מיט יידיש האָט זי זיך איבערהויפּט ניט באַנוצט, פון איר מויל האָט זיך געקייקלט אַ געמיש פון פראַנצויזיש מיט ענגליש, אָבער די מיידלעך וועלכע זענען דאָס רוב געווען פון קליינע שטעטלעך האָבן דאָך פאַרשטאַנען וואָס מאַטילדא האָט פון זיי געפאָדערט. ווען זי האָט זיך אויפגערעגט האָט זי גערעדט רוסיש... די געראָטענע מיידלעך, וועלכע האָבן פאַר איר געאַרבעט האָבן ניט געדאַרפט אירע דערקלערונגען, זי האָט נאָר געדאַרפט ארויפוואַרפן די פאַריזער, און לאָנדאָנער מאָדע־זשורנאַלן, אויפן ברייטן און גלאַטן טיש און די מיידלעך האָבן זיך צו זיי צוגעכאַפּט ווי פייגעלעך צו פאַרשאָטענע קערנער, שטודירט די פאַסאָנען און ארויסגעלאָזן אַרבעט פון זייערע פינגער, וועלכע האָבן זיך ניט געדאַרפט שעמען אפילו אַנטקעגן פאַריז. אין דעם סאַלאָן, פון דער שעסטער מאָדע האָט דער גלידשוועסטערקינד צדוק אריינגעבראַכט שיינעלען, אַן אויסגעפּוצטע, אַ שיינענדיקע, אַ ציטערדיקע, מיט אַ פּאָר צעפלאַמטע באַקן. שיינעלע איז געבליבן שטייען אין פאָדערשטן צימער אליין, און פון גרויס צעטרודערטקייט נישט געוווּסט ווו אַהינצוטאָן די הענט, זי האָט באַטראַכט די גרויסאַרטיקע מעבל ארום זיך, און זיך מורא געהאַט צוצוזעצן, זיך געהאַלטן אין איין קנייפּן, זי האָט נאָך אַלץ

לאה זילבער (מאָנטרעאַל)

# שיינעלע

(דערציילונג)

אויפן וועג צו די „האָזן בערג״, ווו די הימלען האָבן זיך געקושט מיט די שפּיצן פון די פעלזיקע בערג, און די זון איז אויפגעגאַנגען צו וואַרעמען דאָס שטעטל, און באַשיינען איר געמיטלעכע אָרעמקייט, וועלכע האָט שטיל און באַשיידן אַרויסגעקוקט פון די געסלעך אַרום, — האָט זיך אויף דער רעכטער זייט, פון דעם ברייטן און זאַמדיקן שליאַך, געפונען אַ הייזל געקאַלכט אויף ווייס, מיט פרישן שטרוי באַדעקט, דער קוימען געפאַרבן אויף רויט, די פענסטערלעך באַהאַנגען מיט אייגנהאַנטיקע שפּיצן, האָבן שעמעוודיק און צניעותדיק פאַרדעקט דאָס אינעווייניקסטע, פאַר דער ברייטער גאַס, מיט די שבתדיקע שפּאַצירער.

אין דעם הייזל, מיט שיינעם געשניצטן גאַניקל, האָט געוווינט דוד דער פישער, דער איינציקער ייד אין דער געגנט, א הויכער, אַ פעסט געבויטער, ס׳בערדל האַלב גרוי. אַ מאָדנע גוטסקייט ווי ניט צוגעפּאַסט פאַר זיין גרויס האָט אַרויסגעלויכטן פון זיינע אויגן. שטיל און באַשיידן האָט ער געפירט זיין האַנדל, יעדן דאָנערשטיק און פרייטיק, געבראַכט די לעבעדיקע פישלעך, זיי אויסגעלייגט אויף אַ צעבראָכן טישל אויפן מאַרק, ער האָט זיין סחורה ניט אויסגעשריען ווי אַנדערע פישער מיט קולות און גע־וואַלדן, נאָר צוגעצויגן די ווייבער מיט דער גוטסקייט פון זיין בליק, און מיטן ליכטיקן פנים, די פישלעך זענען געשפּרונגען, ווייסע שעלעפּעס, ברוינע אָקונעס, און גלייך אין פראַנט אַ גרויסער העכט, וועלכער האָט נעבעך שווער געאָטעמט, און געוואַרט אויף דער גביר׳טע פון שטעטל, זי זאָל באַווייליקן מיט איר כבוד אים אָפּצוקויפן און הנאה האָבן פון אים לכבוד שבת...

שפרה די גביר׳טע האָט געוווּסט באַשיינפערלעך, אַז דוד, איר פישער וועט שוין פאַר איר כאַפּן אַ העכט, אַפילו ער זאָל דאַרפן טשאַטעווען אַ גאַנצע נאַכט אין די טיפסטע ערטער פון טייך מיט זיינע צעריסענע שטיוול.

— וואָסי ר׳ דוד, — פלעגט זי יעדע וואָך שטעלן די זעלבע פראַגע — קיין גרעסערער איז נישט אונטערגע־געשווומען? אָדער איר האָט זיך געפוילט, ניט געהאַט דאָס געדולד אויסצושטייען?...

ר׳ דוד האָט געשמייכלט, גאַרניט זאָגנדיק דערביי, נאָר געגעבן גוטמוטיק אַ לאַך, אַזוי סתם אין דער וועלט אַריין, פאַרוויקלט דעם האַלב לעבעדיקן העכט אין צייטונגס־פּאַפּיר, און מיט יראת הכבוד אַריינגעלייגט דעם פיש אין קוישל פון דער גביר׳טע, און צוגעווונטשן אַ פריי־לעכן שבת און עסן געזונט.

די איבעריקע פישלעך זענען שוין געגאַנגען גאָר שנעל. די ווייבער האָבן דאָס צעכאַפּט ווי מצה־וואַסער. די לעצטע עטלעכע פישלעך פלעגט ר׳ דוד אָרונטערציען ווי גע־גנב׳ט פון זיך אַליין, און דאָס געטראָגן צו זיין ווייב און דריי טעכטערלעך, זאָלן זיי אויך הנאה האָבן און וויסן, אַז זיי האָבן אַ טאַטן אויף דער וועלט, וועלכער זאָרגט פאַר זיי: ליכטיק און יום־טובדיק האָט אויסגעזען דער פרייטיק־צונאַכט ביי ר׳ דוד דעם פישער, די צימערלעך האָבן גע־לויכטן פון זויבערקייט, דאָס ווייב סערל איז געווען אַ שטילע און איידעלע נשמה, מיט אַ בלאַס און אויסגע־צערט פנים. קיין הויך קול האָט מען פון איר קיינמאָל ניט געהערט, ניט אומזיסט האָט איר שטעטל אַ נאָמען געגעבן, — די שטילע טויב, די דריי מיידלעך מיט די אויסגעצוואָגענע קעפּ, די שטייפע צעפּ, מיט לענטעס פון פאַרשיידענע קאָלירן, פאַרוואָרפן אויפן רוקן האָבן זיי גע־לויכטן ווי די דריי שבת־ליכט אויפן קלאָרן טישטעך, אַלץ האָט סערל געטאָן מיט יראת הכבוד, ווי זי וואָלט יעדער זאַך געבראַכט אַ קרבן פאַר דעם אויבערשטן, ווען ר׳ דוד האָט געמאַכט קידוש האָבן אַלע אין כאָר געזאָגט: אָמן! און די שבתדיקע סעודה איז אָנגעגאַנגען אין שטילן שווייגן, פון אַלע דריי מיידלעך האָט זיך שיינעלע אויסגעצייכנט מיט איר שיינקייט און ניט געוויינלעכער איידלקייט. צווישן די קריסטלעכע חברטעס אין דעם גויאישן געסל, האָט שיינעלע אויסגעזען ווי אַ רויז צווישן קאַרטאָפל־בליאונג... שיינעלע האָט זיך געריכטעט נאָך יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט אַרויסגערעדט, אַפילו ווען מ׳האָט איר געזאָגט: גוט שבת שיינעלע, האָט זי געענטפערט גוט שבת, גוט יאָר. און דאָס פנימל האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ פלאַם. אַ גאַנצע וואָך האָט מען קיין יידן ניט געזען פאַרבייגיין, נאָר שבת נאָכן טשאָלנט, איז שיינעלע אַרויס אויפן געפוצטן גאַניקל, מיט אירע צוויי שוועסטערלעך, פאַרברענגען. דאָס פאַר־ברענגען איז באַשטאַנען פון זיצן מיט די הענטלעך פאַר־לייגט אויפן שויס, און זייער סטאַטעטשנע נאָכקוקן אַלע שטעטלשע מיידלעך און יינגלעך, וועלכע האָבן לאַכענדיק און פריילעכע געשטראָמט צו די „האָזן בערג״. טאַטע־מאַמע האָבן גערוט, און די דריי שוועסטערלעך זענען געווען פריי צו קוקן, וויפיל זייער האַרץ האָט געגלוסט...

שיינעלע האָט געטרוימט, אַרויפגעקוקט צום ווייטן האָריזאָנט און געטראַכט מאָדנע מחשבות, דאָס איז געווען קענטיק אויף דער פאַרחלומטקייט פון אירע אויגן, און אויף דעם, ווי זי איז יעדע מינוט געוואָרן ראָז...

און די יאָרן זענען געפלאָסן, ווי דער קלאָרער זויבע־רער שטעטלשער טייך, ביז שיינעלע איז געוואָרן אַכצן יאָר, און טאַטע־מאַמע האָבן באַמערקט, אַז זי ווערט וואָס ווייטער אַלץ אומעטיקער.

שיינעלעס פעאיקייטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין נייען קליידעלעך פאַר פּאַפּקעס, פון צוזאַמענגענומענע שמאַט־קעס, און ס׳איז געווען וווּנדערלעך צו זען, וואָס עס פלעגן זיך באַקומען אין אירע הענט, פון אָקאַרשט אַ שמאַטקע, און מיט אַ שעה שפּעטער אַ פּרעכטיק קליידעלע מיט גע־בופטע אַרבעלעך, מיט שפּיצן און שלייפעלעך, כאָטש נעם און שטעל דאָס אויס...

איינמאָל, פרייטיק פאַר ליכט בענטשן, ווען אַלץ איז געווען גרייט פאַרן שבת, און ר׳ דוד דער פישער האָט זיך געאיילט צו דער שנידערשער קלויז, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין טיר. דאָס האָט כמעט ווי קיינמאָל ניט פּאַסירט. סערל איז געוואָרן דערשראָקן. פרייטיק צו ליכט־

מיין בליק פאַלט אויף דער גאַלעריע. דאָ זעצט זיך אויס די שטאָטישע אַריסטאָקראַטיע — פּאָלאַקן. זיי זענען געקומען הערן ווי דער חזן טרילט אויס די תּפילות פון כל נדרי. זיי פאַרשטייען נישט די תּפילה. דאָס בלויזע וואָרט: כל נדרי פירט זיי אריין אין אַ שטימונג פון מיסטעריע און דערוואַרטונג. קומען זיי באַוווּנדערן ליטורגישע מוזיק? טאָמער ליגט ערגעץ ווו אַ סוד אָדער געהיימער ריטואַל וואָס איז פאַרבונדן מיט כל נדרי. סיי ווי — זיי קומען יאָר איין, יאָר אויס — דער אַפּטייקער, דער דאָקטער, די אַנדערע לייט.

ווי לאַנג איז עס שוין, אַז איך בין נישט געווען אין שול צו כל נדרי? קיינמאָל נישט געטראַכט דערפון. מיטאַמאָל האָט עס מיר אַ צי געטאָן צו זיין צווישן יידן... דערפילן דעם רעליגיעזן עקסטאַז פון מיין טאַטן... איינזאַפּן עמאָציאָנעל די שיינקייט כון דער יידישער ליטורגישער מוזיק.

בין איך אוועק אין דער בערק סטריט שול, וועלכע האָט זיך געפונען צווישן עליזאַבעט און קווין סטריט. געטראָפן האָב איך דאָרטן ייִ״ן, אָנגעטאָן אין קאַפּעליושן מיט קורצע טליתים־שאַלן אויף די אַקסלען. ביים עמוד דער חזן — אַ ייד אָן א סימן פון אַ באָרד. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַן אויפגעשטעלטן קאַפּל, וואָס האָט מיך דערמאָנט אין אַ גלח ווען ער טראָגט זיינע קירכע־קליידער.

דערוואַרט האָב איך אַ היימישן בעל תּפילה, אַ הדרת־פּנים מיט אַ מאַיעסטעטישער לאַנגער באָרד, אין אַ ווייסן קיטל; דעם טלית מיט דער זילבערנער עטרה איבערגעצויגן איבערן קאָפּ, און ער איז דער שליח פון דער עדה יידן. איך האָב דעם יידן אויסגעמאָלט אין מיין פאַנטאַזיע. איך האָב דערוואַרט, אַז ער וועט מיך כאָטש אויף געציילטע מינוטן, אַ רגע אפילו אריבערטראָגן צו מיין היים... צו מיינע שטעטלשע יידן.

מיין דערוואַרטונג איז געבליבן הענגען אין דער לופטן — אָן אַנטוישטע. די תּפילות האָבן אין מיינע אויערן געקלונגען ווי עפּעס אין אַ פרעמדן לשון. אפילו דער ניגון איז געווען אַן אַנדערער. עס האָט מיך אַ טראָג געטאָן פון שול ארויס, אין דרויסן.

נאָך איין נישט באַפרידיקטע בענקשאַפט צוגעקומען...

★

גייענדיק לענגאויס דער בערק סטריט, האָב איך אין אַ ווינקל אָנגעטראָפן אַן עולם פון אַ פּאָר צענדליק אויסטראַליער. איך בין געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז איינער פון די צוזאַמענטרעפן פון דער „סאַלוויישן אַרמיי״. געווען איז עס אָבער אַ פּאָליטישער מיטינג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דער רעדנער איז געשטאַנען אויף אַ קעסטל. זיין רעדע האָב איך טאַקע נישט פאַרשטאַנען, דאָך האָב איך זיך גלייך אָריענטירט מיט וואָס זי שמעקט. עס זענען געפאַלן אויסדרוקן ווי: דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט; רעוואָלוציע; קאַפּיטאַליסטן; פאַשיזם; סאָציאַלפאַשיסטן.

בין איך נישט געוואָרן איבערראַשט פון זיין רעדע, נאָר איך האָב באַוווּנדערט דעם עולם וואָס איז געשטאַנען זייער רואיק און אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט וואָס דער רעדנער האָט צו זאָגן. ס׳איז נישט געווען קיין פּאָליציי וואָס זאָל דעם עולם פאַרנאַנדערטרייבן און דעם רעדנער אַרעסטירן.

ס׳איז פרייהייט פון וואָרט פאַר יעדן איינעם, אונטערן פרייען הימל. אוודאי קען מען אויך קריגן זאַלן צו דינגען, און קיין ווענט וועלן נישט איינפאַלן, ווי די מאָדע איז געווען אין פּוילן.

דערמאָן איך זיך, אַז גאָר נישט לאַנג צוריק, בשעת די סיים־וואַלן, האָט דער פּוילישער האַלב־פאַשיסטישער סאַנאַציע־רעזשים געשטערט דער אָפּאָזיציע — און נישט בלויז דער קאָמוניסטישער — צו פירן די וואַל־אַגיטאַציע. פּאָליציי האָט פאַרנאַנדערגעטריבן די פּאָליטישע מיטינגען אונטערן פרייען הימל מיטן אויסרייד: עס שטערט די עפנטלעכע רו. פון די זאַלן האָט מען ארויסגעיאָגט דעם עולם מיטן מאָטיוו: עס דראָט די ווענט זאָלן איינפאַלן.

עס האָט מיר אויסגעזען, אַז קיין פּאָליציי איז נישטאָ. נאָר אָט האָב איך באַמערקט אַ פּאָליסמאַן. ער איז געשטאַנען דער לעצטער, מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן. מיט זיין הויכער וווּקס, איבער די קעפּ פון עולם, האָט ער זיין בליק געוואָנדן צום רעדנער. ער האָט זיך געפילט, ווי איינער פון עולם, וואָס הערט זיך אויפמערקזאַם צו. ער איז דאָ געווען צוליב דעם — מאַלע וואָס עס מאַכט זיך.

אין דער נאַכטיקער, פרעמדער שטאָט בין איך באַווירקט געוואָרן פון פאַרשידענע געפילן מיט וועלכע איך האָב זיך געראַנגלט:

— איז עס געווען די בענקשאַפט נאָך דער יידישער וועלט, וועלכע איך האָב פאַרלוירן אָדער דאָס געפיל פון דערהויבנקייט צו דער וועלט פון פּאָליטישער פרייהייט — וועלכע איך האָב געפונען?...

---

* די בערק סטריט שול האָט אָפּגעקויפט אַ גרויסע פירמע. פאַרן געלט האָט מען אויפגעבויט די היינטיקע טורעק־שול.


## „קדימה״־ביבליאָטעק

אין דער „קדימה״ ביבליאָטעק קריגט מען די נייעסטע יידישע ביכער.

אין לייען־זאַל ביי דער ביבליאָטעק זענען דאָ די וויכטיקסטע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון דער וועלט.

די ביבליאָטעק איז אָפן דינסטיק אָוונט פון 7.30 — 9.30; זונטיק פון 11 פרי ביז 1 נ״מ.

טיקער ווירקלעכקייט״ שטייט פאַר ערנסטע פראַגן און פראָבלעמען, וואָס האָבן צו טאָן מיט דעם ווייטערדיקן קיום פון די יידישע ישובים אין די תפוצות, וואָס קען אויך אָנרירן דער יידישער מדינה. די פראַגן און די איצטיקע יידישע פראָבלעמען שטייען מיט זייער האַרבקייט און שאַרפקייט פאַר אַלעמען אָן אונטערשייד פון ריכטונגען און שאַטירונגען סיי אין דער רעליגיעזער און סיי אין דער סעקולערער וועלט!

לויט מיין מיינונג, איז נישט גענוג געווען צו רופן די גרויסע קולטור־קאָנפערענץ פאַר יידיש אין ירושלים. עס דאַרף גערופן ווערן אַ יידישע וועלט־קאָנפערענץ אין ירושלים אָדער אין ניו־יאָרק, וואָס וועט דאַרפן אַרויסקומען מיט אַ דין וחשבון וועגן דער איצטיקער לאַגע פון דעם יידישן פאָלק, בכדי צו באַקעמפן אונדזער אָפּהענטיקייט, צווייפל, געפילן און דעם געדאַנק פון „מאָהיקאַנעריזם״ (די לעצטע). אַזאַ קאָנפערענץ קען אפשר אַריינבלאָזן אַ נייעם רוח־החיים אין אונדזער אַלגעמיין יידישן לעבן און

„די וואָלקנס וועלן ווערן צערונען
בלוי וועט ווידער ווערן דער הימל
מיט נייע שטערן און נייע זונען.״

(פאַראַפראַזירט פון י. ל. פּרצעס ליד „האָף און גלויב״ — י. א.)

די פראַגן קאָנען שוין לענגער נישט וואַרטן אויף קיין פּאָזיטיווער תשובה. די צוועלפטע — גורלדיקע שעה רוקט זיך אונטער...

# דאָ און דאָרטן

סענדער בורשטין

(מעדיטאַציעס)

אַן עמיגראַנט, ווען ער קומט אין אַ נייער מדינה, זעט אַלץ אים אויס אַנדערש און במילא פרעמד. ער פילט זיך, ווי אַ שטורעם־ווינט וואָלט אים אויסגעריסן מיטן וואָרצל און פאַרטראָגן העט, העט ווייט — ער איז אַליין. נישטאָ די נאָענטע משפּחה, אפילו קיין פריינד, פאַר וועלכן מען זאָל קאָנען דאָס האַרץ אויפמאַכן. נישטאָ קיין וואַרעם ווינקעלע וווּ מען קאָן זיך צוטוליען. מיט וועמען צו טיילן דיין פרייד און דיין צער.

ווערטס מיטאַמאָל אַ קינד, וועלכעס נעמט שטעלן די ערשטע, אומזיכערע טריט. אָפּגעלעבט אַ לעבן; געפירט וויכוחים; גערודערט אַ וועלט און מיטאַמאָל שטייסטו אַ שטומער — דער פאַרלאַנג, דער ווילן אויסצודריקן דאָס אָנגעזאַמלטע אין דיר איז דאָ — נאָר די פרעמדע שפּראַך פּענטעט די צונג און לאָזט זיך איר נישט פריי באַוועגן. דו טרעפסט זיך אָן אויף אַנדערע מנהגים, און פון מורא שלעכט פאַרשטאַנען צו ווערן — ציטערסטו איבער יעדן טראָט, יעדעס וואָרט — אַ נישט, ווער ווייס: אפשר שטעלסטו דיר אויס אויף לייטיש געלעכטער?

טייל פון די מנהגים אין נייעם לאַנד זענען דווקא סימפּאַטישע. אָט ביזטו ארויס פון שטוב: אַ פרעמדער מענטש אין אַ פרעמדער וועלט און באַגעגנסט אַ פרעמדן מענטשן, וואָס איז צופעליק דיין שכן. ווערסט איבערראַשט פון זיין שמייכל. פון זיין גוט מאָרגן. און דער שכן וויל אויך וויסן דיין מיינונג וועגן דעם פרימאָרגן:

— גוד מאָרנינג, נייס דאַי — איזנט איט?

טוסט אַ שמייכל. פילסט, ווי מען נעמט דיר אלס גלייכן שותף צום לאַנד, צו דער קולטור, צום זוניקן פרימאָרגן...

די נשמה אָבער, די אינערלעכע בליקן פון עמיגראַנט, די מחשבות בלאָנדזשען ארום איבער די גאַסן און געסלעך פון דער אַלטער היים. פון בענקשאַפט פאַרקלעמט אָפּט דאָס האַרץ. עס ווילט זיך ארומנעמען מיט משפּחה, אַלטע פריינט, חברים. עס טויכן אויף געשעענישן. עפּיזאָדן. בלעטערסט דאָס בוך פון דיינע אייגענע איבערלעבונגען און לייענסט זיי מיט אַן אינערלעכער שטים, ווי מען זאָגט אַ תפילה. אפילו די שווערקייטן דערמאָנסטו מיט אַ שטילער בענקשאַפט — די אָנשטרענגונג זיי בייצוקומען האָט דאָס לעבן אינטערעסאַנטער געמאַכט. אוודאי איז געווען קעגנזייטיקע פאַרביטערונג. מחלוקות זענען פאָרגעקומען. אין דיסטאַנץ פון צייט און שטח זעט מען זיי אין אַן אַנדער ליכט. פאַרגעסט די עוולות, וועלכע זענען לגבי דיר באַגאַנגען געוואָרן. האָסט טענות צו זיך, ווי צו יענעם פאַר דער אָדער יענער האַנדלונג. האָסט חרטה און באַדויערסט—נישטאָ פאַר וועמען זיך אראָפּצורעדן פון האַרץ.

אַזעלכע שטימונגען האָבן מיך אָפּט ארומגעכאַפּט, בפרט אין ערשטן יאָר פון זיין אין מעלבורן. און אָט איז ערב יום כיפּור. דער פאַרנאַכטיקער ערב האָט דעם מיסטישן כוח נישט נאָר צו פאַרבינדן די מחשבות פון יידן אויף פאַרשיידענע קאָנטינענטן, נאָר אויך אָנקניפּן דער מחשבה אין דורות יידן — וועלכע זענען פאַרגאַנגען.

עס טראַכט זיך עפּעס אומאָפּהענגיק פון זיך אליין. אָט איז ווידער מיין שטעטל. די יידן גרייטן זיך צום הייליקן טאָג פון יום הדין: אין אָוונט צו די תפילות פון כל נדרי און אויף מאָרגן — צום גרויסן תענית. און אָט איז דער מאַרק — אין צענטער פון שטעטל. ארום אים — בלויז יידישע געשעפטן. די פּויערים פון די ארומיקע דערפער האָבן שוין פאַרקויפט זייערע פּראָדוקטן. אצינד איילן זיי זיך צו באַזאָרגן דאָס נויטיקע פאַר זייער ווירטשאַפט, ווייל אָט אָט שליסן די יידן צו די געוועלבער. זיי שפּאַנען פערד און וואָגן און פאַרלאָזן האַסטיק דאָס שטעטל. זיי וויסן: עס איז אַ הייליקער טאָג ביי יידן...

נאָך דעם יאַריד, דער הו־האַ וואָס האָט זיך דאָ געטומלט אַ גאַנצן טאָג, לאָזט זיך איבערן מאַרק אַראָפּ אַ שטילקייט. ער ווערט פּוסט — פון אַלעמען פאַרלאָזן.

אָט שפּאַנט מיין טאַטע און איך נעבן אים — אַ יינגל. עס רוט אויף אונדז דער הייליקער ציטער פון גיין צו כל־נדרי. זינט יאָרן פאַרנעמט מיין טאַטע דעם זעלבן אָרט אין שול. דעם גאַנצן יאָר דאַוונט ער אין בית־המדרש. ימים נוראים דאַוונט ער אָבער אין שול, ווו די הייליקע תפילות ווערן אויסגעזונגען פון שטאָט־חזן.

פון מדינת ישראל אין יאָר 1948, האָט אַ סך מיטגעהאָלפן מען זאָל זיך אָפּקערן פון דעם 2000־יאָריקן „יבנה" אידעאַל, שטאַרקנדיק אַזוי אַרום די „מסדה" וויזיע פון געפילן פון נקמה פאַר די אַלע איבערגעגעבטע בלוטיקע טראַגעדיעס, צוזאַמען מיט דעם לעצטן טראַגישסטן חורבן.

עס איז אין יאָר 1978 — 60 יאָר נאָכן אַנטשטיין פון די „אבי אבות הטומאה" אידעאַלן פון קאָמוניזם און פאַשיזם און קרוב 45 יאָר נאָכן קומען צו דער מאַכט פון דעם שרעקלעכסטן מערדער „אידעאַל" — נאַציזם — שטייט דאָס יידישע פאָלק ביי דער זעלבער דילעמע ווי מיט 2 טויזנט יאָר צוריק — צו געפינען אַ האַרמאָניע צווישן „יבנה" און „מסדה", צו געפינען אַ בשותפותדיק פאַרבינדונגס־שטריך צווישן מדינת־ישראל און עם־ישראל.

ווי זעט אויס „עם ישראל" אין די תפוצות אין יאָר 1978 און ווי זעט אויס „מלכות ישראל" אין זעלבן יאָר?

דער גרעסטער און איינפלוסרייכסטער יידישע ישוב פון „עם ישראל" אין דער פרייער דעמאָקראַטישער וועלט — דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב — האָט געהאַט אין 1975 אַ העלפט יידן פון דער צאָל יידן איבער דער גאָרער וועלט — אַ חוץ מדינת ישראל. די עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע סטרוקטור פון אַמעריקאַנער יידנטום האָט זיך אין די לעצטע יאָרן זייער שטאַרק געביטן און אויך האָבן זיך שטאַרק געביטן די קולטורעל־שעפערישע יידישע און יידיש־ענגלישע כוחות. די אַסימילאַציע פרעסט דעם יידיש־נאַציאָנאַלן און דעם יידיש אַמעריקאַניזירטן טייל גאָר שטאַרק און די יוגנט דערווייטערט זיך פון אַקטיוון יידישן לעבן. צווישן דער דאָזיקער יוגנט איז פאַראַן אַ טענדענץ פון צופּאַסן זיך צו דעם אַרום, איבערנעמען די שפּראַך און זיטן פון די אַמעריקאַנער. און דאָס טאַקע באַדייט אַ גאָר גרויסע געפאַר פאַרן צוקונפטיקן קיום פון דעם גרעסטן „עם־ישראל" יידישן ישוב אין דער פרייער וועלט.

אמת, געוויסע טיילן פון דער יידישער יוגנט אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אין די לעצטע יאָרן פאַרשטאַרקט זייער נאַציאָנאַלע אידענטיטעט אין פאַרשיידענע פאָרמען סיי דורך אידענטיפיצירן זיך מיט מדינת־ישראל און סיי אין דער „דאָאיקייט" פאָרם, אָבער דער רוב מנין פון דער יידישער יוגנט אין צפון־אַמעריקע מאַכט אַדורך אין אַ גאָר גרויסער מאָס דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס, אויסמישונג־פּראָצעס און אויך דעם פּראָצעס פון דעמאָגראַפישע שאָטנקייטן...

אַזוי ווי עס „אַמעריקאַניזירט" זיך, אַזוי אויך „שפּאַניזירט" זיך (דרום און לאַטיין־אַמעריקע) און גאָר נישט ווייניקער „איראָפּעאיזירט" זיך, (פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד און די סקאַנדינאַווישע לענדער פלוס ענגלאַנד). מיט איין וואָרט: פאַקטן און ציפערן וואָס אַלאַרמירן יידיש־געזעלשאַפטלעכע טוער פון אַלע שיכטן און פאַרטייען, און דער „המשך און קיום" אידעאַל ווערט אין די דאָזיקע אויבן דערמאָנטע פרייע יידישע ישובים אַן... "הבל הבלים"!

ווי אַזוי עס זעט דער גרויסער יידישער ישוב אין סאָוויעט־רוסלאַנד און די ראַכיטישע יידישע ישובים אין די קאָמוניסטישע סאַטעליטן־לענדער — דאָס קען מען איבערגעבן אין געציילטע שורות...

אויסגעבלוטיקטע דורך די נאַציס (1941־1944) און אויך דורך דעם סטאַלין־רעזשים, גייסטיק און פיזיש דעזאָרגאַניזירט, צעטומלט און פאַרלוירן, גייען זיי זייער אייגענעם וועג, און אַ מינדערהייט פון דעם דאָזיקן גרויסן יידישן ישוב זוכן אַ שטראַל פון אָנהאַלטעוודיקער ליכט אין „עם ישראל" טראַדיציע און גאָר שטאַרק אין „מדינת ישראל" ווירקלעכקייט. די באַזונדערע פּראָבלעמען פון די סאָוויעטישע יידן און די פאַרשיידנאַרטיקע פאַקטאָרן מיט וועלכע מיר טרעפן זיך פנים אל פנים, רופן אַרויס אַ גאָר באַזונדערן ציטער סיי אין דער יידישער מדינה און סיי אין דער יידישער צעשפּרייטקייט.

ווי זעט אויס דער יידישער ישוב אין דער יידישער מדינה אין 1978?

די איבער 2 און אַ האַלבן מיליאָן יידן, וואָס לעבן אין מדינת ישראל מיט זייער אייגענעם מלוכה־לעבן, מיט אַן אָבליגאַטאָרישער שפּראַך אין דער פאָלקס־שול און אין עפנטלעכן לעבן; אַן אייגענע פרעסע; אוניווערסיטעטן; טעכנישע הויך־שולן, טעאַטערס; ביכער־פאַרלאַגן — מיט איין וואָרט: אַ גרויסער גייסטיקער שעפערישער כוח, וואָס שטייגט אַריבער אין אַ סך מאָמענטן דעם גרעסטן יידישן קיבוץ אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווערט מיט זיינע אַלע האַנדלונגען און שאַפונגען דער פאָלקישער צענטער פאַר אַלע יידישע ישובים איבער דער גאָרער וועלט, דעם צפון־אַמעריקאַנער יידישן ישוב אַריינגערעכנט.

אַוודאי שטעלט זיך די פראַגע: צי קענען און צי מעגן די אַלע יידישע ישובים איבער דער וועלט שאַפן און בויען, לעבן און גערייען אויפן חשבון פון די מעשים און האַנדלונגען פון דער יידישער מדינה?

דער ענטפער דאַרף און מוז זיין, אַז: מען דאַרף נישט און מען קען עס נישט. הגם דער „יבנה" אידעאַל איז פאַרשניטן געוואָרן צוזאַמען מיט די „6 מיליאָן", דאַרפן אַלע יידישע ישובים איינזען, אַז עס מוז געפונען ווערן אַ טעזע פון האַרמאָניזירן דעם עקזיסטירנדיקן „מסדה" אידעאַל — מדינת ישראל, און דעם באַנייטן „יבנה"־אידעאַל — „עם ישראל".

די צווייטע פראַגע, צי דאַרף נישט מדינת ישראל איינזען, אַז מען קען נישט און מען דאַרף נישט אָפּווישן דעם 2000־יאָריקן „יבנה" אידעאַל, וואָס האָט אין משך פון פאַרגאַנגענע דורות געשאַפן דאָס סאַמע ווייכטיקסטע, וועזנטלעכסטע און באַדייטנפולסטע פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק און אויך פאַר דער היינטיקער יידישער מדינה?

פון די אַלע אויבן אַרויסגעזאָגטע מיינונגען און באַהויפּטונגען, זעען מיר אַז דער „המשך און קיום" פּראָבלעם ווערט אַלץ שאַרפער און באַדראָענדיקער. עס קומען פאָר אויפטרייסלענדיקע פּראָצעסן און ענדערונגען אין דער נישט־יידישער וועלט, וועלכע באַווירקן, ווילנדיק — נישט־ווילנדיק, אויך די פרייע יידישע ישובים איבער דער וועלט. „די יידישע וועלט אין שפּיגל פון דער היינ־

פון די דריי אַראַבישע מדינות, וואָס גרענעצן זיך מיט ישראל, בלייבט סיריע אַלס אָפענער שונא. גלייך נאָך קעמפּ דייוויד האָט זי צוזאַמענגערופן די שפּיצן־קאָנפערענץ פון דעם „אָפּוואַרף־פראָנט”. אין דער קאָנפערענץ האָבן אָנטייל גענומען: סיריע, אַלזשיריע, ליביע, דרום תימן און יאַסיר אַראַפאַט — אין נאָמען פון דער פּ.ל.אָ.

מערקווירדיק: איראַק איז נישט געקומען צו דער קאָנפערענץ. הייסן, הייסט עס, אַז איראַק איז נישט געקומען ווייל די אָנטיילנעמער פון דעם „אָפּוואַרף־פראָנט” זענען נישט גענוג ראַדיקאַל; זיי זענען נישט גרייט אָנצוהייבן אַן אָפענע מלחמה קעגן ישראל, מיטן אויסדריקלעכן ציל — צעשטערן די ייִדישע מדינה און פאַרענדיקן דעם עסק...

פאַראַן אָבער צוויי אַנדערע אויסטייטשונגען, פאַרוואָס איראַק האָט נישט אָנטייל גענומען אין דער קאָנפערענץ. איינע שפּעקולירט, אַז אין דעם אָפּמאַך צווישן איראַן און איראַק, ווען דער שאַך האָט זיך פאַרפליכטעט מער נישט צו שטיצן די קורדיסטאַנישע אויפשטענדלער אין איראַק, האָט זיך איראַק קעגנזייטיק פאַרפליכטעט נישט צו שטערן סאַדאַטס שלום־איניציאַטיוו... די צווייטע אויסטייטשונג שפּעקולירט, אַז איראַק וויל פאַרפלאָנטערן סיריע אין אַ האָפענונגסלאָזער מלחמה מיט ישראל, בכדי צו פאַרכאַפּן און אַנעקסירן דעם מזרחדיקן טייל פון סיריע.

סיריע געפינט זיך אין אַ קאָמפּליצירטער לאַגע. אויך די רוסן ווילן איר פאַרפלאָנטערן אין אַ מלחמה. די רוסן דריקן אויף סיריע, אַז זי זאָל באַזעצן דעם דרום טייל פון לבנון און אַוועקשטעלן זיך אויף די ישראל־גרענעצן מיט לבנון. די רוסן טענהן, אַז ישראל וועט נישט וואַגן צו רעאַגירן. אָבער סיריע האָט דערווייל מורא, ווייל די קאָנסעקווענצן זענען נישט פאָראויסצוזען. ספּעציעל אין דער נייַ געשאַפענער לאַגע: צו קאָנפראָנטירן אַליין די ישראלדיקע כוחות — עס איז אַ צו גרויסע ריזיקע פאַר סיריע און פאַר אַסאַדס רעזשים. אפשר האָבן שוין די רוסן צוגעגרייט אַ נייעם רעזשים פאַר סיריע... אַסאַד האָט נישט קיין גרויס צוטרוי צו די סאָוויעטן.

אַנאַליזירנדיק די קאָמפּליצירטע סירישע לאַגע, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז פריער צי שפּעטער וועט סיריע אָנהויבן פאַרהאַנדלען מיט אַמעריקע וועגן אַ שלום מיט ישראל.

וואָס שייך דער ערנסטקייט פון מצרים אין אירע שלום־פאַרהאַנדלונגען מיט ישראל, מוז מען אויך צוגעבן, אַז נישט בלויז די אויסערן פּאָליטישע לאַגע האָט באַוויגן סאַדאַטן צו די שלום־פאַרהאַנדלונגען. פאַקטיש זענען נישט פאַראַן קיין שום גיאָ־פּאָליטישע קעגנזעצלעכע אינטערעסן, אָדער קאָנפליקטן צווישן מצרים און ישראל. די גיאָ־פּאָליטישע אינטערעסן פון מצרים ליגן נישט אין קליין־אַזיע, וווּ ישראל געפינט זיך, נאָר אין אַפריקע, וווּ מצרים וויל האָבן אַ פרייע האַנט. אין איר שכנות געפינט זיך ליביע, אַ שטיין־רייך און נאַפט־רייך לאַנד, מיט אַ באַפעלקערונג, וואָס מען קאָן אַריינפּאַקן אין איין קוואַרטאַל פון קאַיר. דאָרט איז די צוקונפט פאַר דער וואַקסנדיקער מצרישער באַפעלקערונג.

נעמענדיק אין באַטראַכט די אַלע עלעמענטן, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז מיר שטייען אויף דער שוועל פון שלום נאָך וועלכן מדינת ישראל און פאָלק ישראל האָבן געבעטן אין די לאַנגע 30 יאָר פון מלחמות און בלוט־פאַרגיסונג.

איך פאַל אפשר אַריין אין אַן איבערגעטריבענער התפעלות ווען איך וועל סומירן דעם סך־הכל פון יאָר תשל״ח מיט די ווערטער פון בראשית: „וירא אלהים כי טוב” . . .

י. אַרבאַך

# די ייִדישע וועלט אין שפּיגל פון דער ווירקלעכקייט

מיר האָבן אַנאַליזירט די צערודערטע וועלט אין שפּיגל פון גערעכטיקייט („מעלבורנער בלעטער” נר. 3). אַצינד ווילן מיר זען ווי די ייִדישע וועלט זעט אויס „אין שפּיגל פון דער ווירקלעכקייט”, ווייל: אַ חוץ „גערעכטיקייט” פּראָבלעמען האָט דאָס ייִדישע פאָלק אין 1978 — אין דער פרייער דעמאָקראַטישער וועלט און אין דער טאָטאַליטאַרער וועלט — ספּעציפישע פּראָבלעמען און זיי דאַרף מען באַטראַכטן אין שפּיגל פון דער הייַנטיקער ווירקלעכקייט . . .

די הייַנטיקע ווירקלעכקייט ביים ייִדישן פאָלק איז גאָר אַן אייגנאַרטיקע. אייגנאַרטיק איז זי צוליב דעם וואָס מיר געפינען זיך צוריק אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן דאָס ייִדישע פאָלק האָט זיך געפונען מיט 2 טויזנט יאָר צוריק. דאָס איז געווען: „ירושלים און בבל”. אין דער הייַנטיקער צייט ווען מיר דאָס רופן: „מדינת ישראל און עם ישראל”.

די פּלוגתא צווישן דעם „יבנה” אידעאַל פון ר' יוחנן בן זכאי און דעם „מסדה” אידעאַל פון ר' עקיבא, האָט אין משך פון די לעצטע טויזנט יאָר געגעבן די אויבערהאַנט דעם „יבנה” אידעאַל. דער דאָזיקער אידעאַל האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, אַז אַנשטאָט פיזישן כוח, איז דער פאָלקישער כוח באַשטאַנען אין זיין גייסטיקייט; אַנשטאָט מדינהשקייט איז געווען — פאָלקישקייט. דער פּראָבלעם פון „המשך און קיום” אין פאַרשיידענע ניואַנסן — רעליגיעזע ווי וועלטלעכע — האָט אָנגעהאַלטן און דאָס ייִדישע פאָלק איז אונטער אַלע נגישות און צרות, פּאָגראָמען און חורבנס — אָנגעגאַנגען מיט זיין אייגנאַרטיקייט, קאָלירפולקייט און שטאַנדהאַפטיקייט, אַ דאַנק די אידייען פון „יבנה”.

די דערשיינונגען פון קאָמוניזם, פאַשיזם און נאַציזם, צוזאַמען מיט דעם חורבן „6 מיליאָן”, האָבן געגעבן אַ טויט־קלאַפּ דעם „יבנה” אידעאַל. אויך דאָס אַנטשטיין

דאָס זענען די אויסערלעך פּאָליטישע סיבות צוליב וועלכע מצרים איז מער נישט פאַראינטערעסירט אין אַ מלחמה־צושטאַנד מיט ישראל. אדרבה, אין אַזעלכע פאַרהעלטענישן איז דער נאַציאָנאַלער אינטערעס פון מצרים פאַר שלום מיט ישראל. דער נאַציאָנאַלער אינטערעס פון מצרים איז איצט אַ שטאַרק ישראל, וואָס זאָל איר גאַנצע אַרמיי קענען אַוועקשטעלן אין צפון, אויף דער סירישער גרענעץ אָדער אויף דער מזרח־גרענעץ אין פאַל פון אַן איראַקישן דורכברוך דורך ירדן.

דאָס איז אויך די סיבה פאַרוואָס סאַודי־אַראַביע וועט שטיצן סאַדאַטס שלום־אָפּמאַך מיט שווערע פינאַנסיעלע מיטלען, כאָטש עפנטלעך וועט זי מאַכן אַן אָנשטעל פון פּראָטעסט (וואָס פאַרפליכטעט צו גאָרנישט) בכדי נישט צו דערצערענען די פּאַלעסטינער. דער קעניג כוסיין פון ירדן איז שוין אין אַ קלעם צווישן איראַק און סיריע. ער וואָלט נעבעך געוואָלט שלום, נאָר אויף אים ציטערט די הויט און אַמבעסטן וואָלט אים געווען דער סטאַטוס קוואָ, ער זאָל נישט דאַרפן מאַכן קיין שום דעציזיע.

די הויפּט־פראַגע אין איצטיקן מאָמענט איז, ווי אַזוי וועט סאָוויעט־רוסלאַנד רעאַגירן אויף די רעזולטאַטן פון דער קעמפּ דייוויד שפּיצן־קאָנפערענץ.

מיר ווייסן שוין: די רוסן זענען אין כעס. די פראַגע שטעלט זיך אָבער: וואָס וועלן די רוסן טאָן, אָדער וואָס קאָנען די רוסן טאָן, בכדי צו שטערן דעם שלום־פּראָצעס?

אין דער פּאָליטישער לאַגע פון דער וועלט געפינט זיך רוסלאַנד היינט אין אַ נישט באַקוועמער פּאָזיציע. אינטערעסאַנט איז, אַז נישט אַמעריקע האָט גורם געווען דאָס פאַרערגערן זיך פון דער רוסישער פּאָזיציע. אדרבה — ביז צו דער שפּיצן־קאָנפערענץ אין קעמפּ דייוויד האָט די וועלט אָפּגעחוזקט פון דער קאַרטער אַדמיניסטראַציע, צוליב דעם מאַנגל אין שטאַנדפעסטיקייט לגבי די רוסן. נאָך מיט אייניקע חדשים צוריק האָבן זיך די רוסן באַוויגן אויף דער פּאָליטישער אַרענע מיט שווערע שטיוול און חוצפּה. זיי האָבן זיך געגרייט צו ווערן די בעלי־בתים אין אַפריקע און ווו נאָר ס׳האָט זיך באַוויזן אַ וואַקום, אַ שוואַכער פונקט אין דער וועלט: למשל, אין אַפגאַניסטאַן. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז ס׳איז פאַראַן אַ נאַטירלעכע גרענעץ צו יעדער עקספּאַנסיע...

דער ווענדפּונקט איז געקומען, ווען יאַפּאַן האָט אונטערגעשריבן דעם פריינדשאַפטס־פּאַקט מיט כינע. רוסלאַנד האָט זיך איינגערעדט, אַז זי וועט באַווירקן יאַפּאַן איינצושפּאַנען זיך אין אַן עקאָנאָמישן שותפות. יאַפּאַן זאָל אינוועסטירן ביליאָנען דאָלאַרן און איר טעכנאָלאָגיע אין סיביר פאַרן פּרייז פון די ענערגיע־מיטלען, וואָס רוסלאַנד האָט איר צוגעזאָגט פון די סיבירער פעלדער. יאַפּאַן האָט אָבער פאַרלאַנגט, אַז צוערשט זאָל רוסלאַנד איר צוריקגעבן די יאַפּאַנישע אינדזלען, וואָס רוסלאַנד האָט פאַרכאַפּט ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער רעזולטאַט: טראָץ עפנטלעכע דראָאונגען פון רוסלאַנד, האָט יאַפּאַן געשלאָסן דעם פריינדשאַפטס־פּאַקט מיט כינע. דאָס וועט העלפן עקאָנאָמיש און מיליטעריש אויפצובויען דעם כינעזישן קאָלאָס.

אויף דעם דרום־מזרחדיקן אַזיאַטישן פראָנט איז וויעטנאַם פאַרפלאָנטערט אין אַ בלוטיקן סכסוך מיט קאַמבאָדיע און געפינט זיך אונטער דעם דרוק פון כינע. איראַניש איז אין דעם דאָזיקן געביט די לאַגע פון אַמעריקע ביים היינטיקן טאָג. זי איז בעסער ווי זי וואָלט געווען, ווען אַמעריקע וואָלט געוווּנען די וויעטנאַמער מלחמה... זי דאַרף מער נישט אַריינפּאַקן דאָרט שווערע ביליאָנען דאָלאַרן, און וויעטנאַם קאָן מער נישט באַדראָען דעם ראַיאָן.

אין אַפריקע האָט די אָרגאַניזאַציע פאַר אַפריקאַנער אייניקייט כמעט ווי פאַראורטיילט און געשטעמפּלט די סאָוויעטיש־קובאַנישע טעטיקייטן אויף דעם דאָזיקן קאָנטינענט. די רעגירונג פון אַנגאָלאַ, ערשט נישט לאַנג אַ רוסישע מאַריאָנעטקע — זוכט פאַרבינדונגען מיט אַמעריקע און פאַרהאַנדלט מיט דעם פּראָ־מערב רעזשים פון מאָבוטו אין זאַיר.

און איראַק, וואָס ווערט באַוואָפנט פון סאָוויעט־רוסלאַנד — האָט דער ראַדיקאַל לינקער רעזשים עפנטלעך אויסגעפירט טויט־אורטיילן אויף עטלעכע און צוואַנציק פּראָ־סאָוויעטישע קאָמוניסטן.

סיריע, ווו דער לינקער רעזשים וויל זיך נישט אַבסאָלוט אונטערוואַרפן די באַפעלן פון רוסלאַנד, האָט מאָסקווע זי באַשטראָפט אויף אַזאַ אופן: זי האָט באַווירקט קאַל. קאַדאַפי אַז ער זאָל צוריקציען זיין צוזאָג אויף 500 מיליאָן דאָלאַר פאַרן איינקויף פון נייע רוסישע וואָפן.

צו דעם איז צוגעקומען די כינעזישע פּאָליטישע אָפענסיווע קעגן רוסלאַנד. דער כינעזישער פירער הואַ ווערט אויפגענומען אין רומעניע מיט אַפּלאָדיסמענטן און באַגייסטערונג, ווען ער וואָרנט קעגן רוסישן אימפּעריאַליזם, האַרט ביי דער רוסישער גרענעץ, אין אַ לאַנד וואָס איז אַ מיטגליד פון וואַרשעווער פּאַקט. מיט דער זעלבער באַגייסטערונג ווערט הואַ אויפגענומען אין יוגאָסלאַוויע. דער אַראַנזשירטער וויזיט (דורך טיטאָן) אין מאַצעדאָניע, איז געווען אַ וואָרענונג קעגן בולגאַריע — אַ טרייען מיטגליד פון וואַרשעווער פּאַקט.

פון דעם פּאָליטישן אַנאַליז איז צו זען, אַז דער רוסישער שוווּנג אויף דער וועלט פּאָליטישער אַרענע איז איינגעשטילט געוואָרן. רוסלאַנד געפינט זיך איצט אין אַ דעפענסיווער לאַגע און גורם געווען דעם דאָזיקן צושטאַנד האָבן דריטע כוחות, אָן דער דירעקטער אָנשטרענגונג פון אַמעריקע.

אין אַזעלכע באַדינגונגען איז רוסלאַנד נישט בכוח צו שטערן דעם שלום־פּראָצעס וואָס איז איינגעלייטעט געוואָרן אין קעמפּ דייוויד.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז אינטערעסאַנט די אַרויסזאָגונג פון ברעזשניעוון. אין איין זאַץ האָט ער פאַראורטיילט דעם קעמפּ דייוויד אַלס פאַרראַט פון די אַראַבישע אינטערעסן. אָבער גלייכצייטיק האָט ער צוגעגעבן, אַז עס זענען פאַראַן עלעמענטן וואָס ווילן צעשטערן דעם דעטאַנט מיט אַמעריקע און זיי ווילן פּראָוואָצירן סאָוויעט־רוסלאַנד. אָבער ראַטנפאַרבאַנד וועט זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן... פּאַקטיש אַן אָנדייט אַז רוסלאַנד וועט דירעקט גאָרנישט טאָן.

ד״ר מ. פערשטענדיק

# תשל״ח — דער ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון מדינת ישראל

אויף דער שוועל פון תשל״ט דאַרפן מיר מאַכן אַן איבערזיכט, אַ בילאַנס פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר תשל״ח.

ס׳איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער יאָר. דאָס קומען פון פרעזידענט סאַדאַט קיין ירושלים; זיין רעדע אין דער כנסת; די עגיפּטישע און ישראלדיקע פענדעלעך אין די הענט פון קינדער, אין די גאַסן פון ירושלים; די באַגריסונגען און די פּלאַקאַטן פון אַ מצרישן המון פאַר דער שול אין קאַיר, לכבוד דער ישראל־דעלעגאַציע: „שלום סאַדאַט, שלום בעגין!״... ממש ווי אין אַ חלום...

אמת, ס׳איז זיך כמעט צערונען ווי אַ חלום. אויפן אָרט פון די אומבאַגרענעצטע התלהבות און התפעלות, האָט זיך אָנגעהויבן גריבלען אַ פּעסימיזם, אָבער נישט געקוקט אויף דעם האָט זיך געשפּירט, אַז דאָס קומען פון פּרעזידענט סאַדאַט קיין ירושלים האָט פאַרענדיקט איין עפּאָכע אין די ישראל־אַראַבישע באַציאונגען און אָנגעזאָגט אַ נייע עפּאָכע. די פאַרגאַנגענע עפּאָכע פון די באַקאַנטע „ניין״ — ניין צו שלום; ניין צו פאַרהאַנדלונגען; ניין צו אַנערקענונג פון מדינת ישראל. די אָנגעזאָגטע נייע עפּאָכע: יאָ — צו פאַרהאַנדלונגען; יאָ — צו אַנערקענונג פון מדינת ישראל; יאָ — צו שלום מיט ישראל.

די שפּיצן־קאָנפערענץ אין קעמפּ דייוויד איז געווען די קרוין פון תשל״ח. ס׳איז נאָך נישט דער ענדגילטיקער שלום־אָפּמאַך, אָבער דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון מדינת ישראל האָבן דער פּרעזידענט פון מצרים און דער פּרעמיער־מיניסטער פון ישראל געחתמעט (ביי איין טיש...) צוויי דאָקומענטן און דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך אונטערגעשריבן — אַלס עדות.

אין דאָקומענט וואַרפט אַן אין ברייטע שטריכן, פּרינציפּן פאַר אַן אַלגעמיינעם שלום מיט אַלע אַראַבישע שכנים פון ישראל. דער צווייטער דאָקומענט, דער וויכטיקסטער, אַנטהאַלט ספּעציפישע, דעטאַלירטע אָנווייזונגען פאַר אַ סעפּאַראַטן שלום צווישן מצרים און ישראל און פאַרפליכטעט ביידע צדדים אונטערצושרייבן דעם אַנטגילטיקן שלום־אָפּמאַך אין פאַרלויף פון דריי חדשים.

פאַראַן אַפילו אַ מיינונג אָדער האָפענונג, אַז דער דאָזיקער שלום־אָפּמאַך וועט אונטערגעשריבן ווערן אין אַ נאָך קירצערער צייט.

מ׳דאַרף אָבער נישט האָבן קיין פאַראיבל אויף די יידן, אויף וועמענס געמיט ס׳דריקט די פראַגע: צי וועט טאַקע אונטערגעשריבן ווערן אַ שלום־אָפּמאַך? און אויב ס׳וועט שוין אונטערגעשריבן ווערן — קאָן מען שוין גלייבן אין אַזאַ אָפּמאַך? ס׳איז דאָך נישט מער ווי אַ פּאַפּיר...

צו פאַרענטפערן די פראַגן, מוזן מיר אַנאַליזירן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די צדדים, וואָס שרייבן אונטער אַ שלום־אָפּמאַך, בכדי צו זען, צי אַ שלום־צושטאַנד דריקט אויס, און דינט די אינטערעסן פון די צדדים.

די דאָזיקע אַנאַליזע קאָן אַפילו זיך נישט אָפּשטעלן אויף די דירעקטע אינטערעסן פון די פאַראינטערעסירטע פעלקער.

מיר מוזן נעמען אין באַטראַכט די פּאָליטישע לאַגע אין דער וועלט — פון וועלכער די פאַראינטערעסירטע פעלקער זענען אָפּהענגיק, ספּעציעל ווען דער מיטל־מזרח איז דער וויכטיקסטער צענטער אינעם וועלט־געראַנגל צווישן די צוויי גרויסמאַכטן און די ישראל־אַראַבישע באַציאונגען זענען נישט די הויפּט־סיבה אָדער דער הויפּט־ציל אין דעם דאָזיקן געראַנגל.

דער הויפּט־ציל אין דעם פאַרמעסט איז — נאַפט און דאָס פאַרזיכערן דעם פרייען פאַרקער פון די נאַפט־שיפן אין רויטן ים און אין דעם פּערסישן גאָלף.

ס׳וואָלט געווען אין די סאָוויעטישע אינטערעסן צו באַזעצן אַזעלכע סטראַטעגישע פּונקטן (דורך סאַטעליטן־מדינות) אַזוי, אַז אין פאַל פון אַ מלחמה זאָלן זיי קענען אָפּשטעלן דעם נאַפט פאַר איראָפּע און אַמעריקע. דאָ אָבער שאַפט זיך דער פאַרכישופטער קרייז: כל זמן עס הערשט שלום, עקזיסטירט דאָך אַ פרייער שיפס־פאַרקער. אויב אָבער ס׳זאָל רוסלאַנד געלינגען אין שלום־צייט צו באַזעצן אַזעלכע באַזעס, וואָס קענען ברענגען מערב־איראָפּע אויף די קני אין פאַל פון אַ מלחמה, וועט דאָס אַליין גורם זיין אַ וועלט־מלחמה, וועלכע די סאָוויעטן ווילן אַבסאָלוט פאַרמיידן.

אין אַזעלכע באַדינגונגען מוזן די רוסן האַנדלען זייער פאַרזיכטיק, ממש ווי אַ צירק־אַקראָבאַט, וואָס באַלאַנסירט יעדן שריט אויף דעם דראָט. זיי אַליין שטופּן זיך נישט, זיי שיקן די קובאַנער, מזרח־דייטשן און אַנדערע. ווען עגיפּטן אָדער סאָמאַליע האָבן משלך געווען די רוסן, זענען זיי געגאַנגען.

אַמבעסטן וואָלט געדינט די רוסישע אינטערעסן, ווען די מאַכט אין די פּראָ־מערב מלוכות, וואָס פּראָדוצירן אויל, ווי סאַודי־אַראַביע, קוווייט, די עמיראַטן זאָלן דעראָבערט ווערן דורך „רעוואָלוציאָנערע״ כוחות פון „אינעווייניק״. דערפאַר באַוואָפענען זיי איראַק, וואָס מאַכט נישט קיין סוד, אַז זי וויל פאַרכאַפּן קוווייט און דערנענטערן זיך צו סאַודי־אַראַביע פון דער צפון־זייט. פון דער אַנדער זייט — דרום פון סאַודי־אַראַביע — געפינט זיך דרום־תימן — דאָס אַראַבישע קובאַ, אַ סאָוויעטישער סאַטעליט... זיי באַוואָפענען אַפגאַניסטאַן, וואָס האָט אַ לאַנגע גרענעץ מיט איראַן; זיי האָבן אַריינגעשיקט קובאַנער קיין אַביסיניע צו דערגרייכן דעם „האָרן״ פון אַפריקע (אַ סטראַטעגישע פּאָזיציע ביים רויטן ים) און מיט אַ צווייטער כוונה — צו באַדראָען סודאַן און מצרים פון דער דרום־זייט און דורך ליביע צו באַדראָען מצרים פון דער מערב־זייט.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

סעפּטעמבער־אָקטאָבער, 1978 נומער 4 (15) מעלבורן, אויסטראַליע

## אויפן וועג צו שלום

פון בן־גוריונס — סאָציאַליזם בימנו, איז ישראל דערגאַנגען צו בעגינס — שלום בימנו.

ווייזט אויס, אַז דער כוח פון לעבן איז שטאַרקער ווי דער כוח פון אַן אידעאַל.

אַצינד שטעלט ישראל די ערשטע שריט אין דער דאָזיקער ריכטונג. עס זענען שריט — ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט דער ערשטער מענטש, וואָס האָט געשטעלט דעם ערשטן טראָט אויף דער לבנה: אַ קליינער טראָט פאַרן מענטש — אָבער אַ קאָלאָסאַלער שפּרונג פאָרויס פאַר דער מענטשהייט.

די ערשטע פאָרזיכטיקע שלום־שריט זענען אַ וויכטיקע דערגרייכונג פאַר דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל; פֿאַר דער צוקונפט פון אירע בירגער; פאַר דער גייסטיקער גלייכגעוויכט פון יידישן פאָלק.

אין אויסמעסט פון אָט דער געשעעניש, וועט „קעמפּ־דייוויד" — דאָס שטילע אָפּרו־היים פון אַמעריקאַנער פּרעזידענטן — ווערן אַ סינאָנים אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווי דאָס אָרט וווּ עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ זיג פאַר שלום צווישן די צוויי שכנים ישראל און עגיפּטן — וועלכע האָבן אין משך פון 30 יאָר דורכגעמאַכט פיר בלוטיקע מלחמות.

דער זיגער פון דער קאָנפערענץ אין „קעמפּ־דייוויד" איז אַרויס — פּרעזידענט קאַרטער. זיין פּרעסטיזש אין אמעריקע (ווו פּרעסטיזש ווערט געמאָסטן מיט דער צאָל שטימען, וועלכע ער וועט עווענטועל באַקומען) ווי אין דער וועלט איז מיטאַמאָל געשטיגן.

מיטן כוח פון אָט דעם פּרעסטיזש (און מיט צוזאָגן, וועלכע עס איז שווער בייצושטיין) באַמיט זיך פּרעזידענט קאַרטער איבערצייגן די קעמפנדע צדדים אין לבנון — אַז שלום איז אויך גוט פאַר זיי.

פון די האַנדלונגען פון סאַדאַטן און בעגינען קאָן מען אַרויסציען די מסקנא, אַז אין אַ גורלדיקן מאָמענט פאַרן לאַנד אָדער פאָלק דעצידירן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן — און נישט די פּאָליטישע.

לאָמיר דערביי באַמערקן: דאָס לעבן איז אומברחמנותדיק צו איינגעשטעלטע פּאָליטישע דאָגמעס, וועלכע מען האָט געהאַלטן פאַר אומבאַשטרייטבאַר, און לויט וועלכע מען האָט געמאַכט אויספירן, אַז היות ווי בעגין איז אַ מיליטאַנטישער ציוניסט, און דאָס פאַרלאַנגט פון אים צו שאַפן אַ מדינה אין אירע אורשפּרינגלעכע, ביבלישע גרענעצן — וועט ער דעריבער אָנווענדן אַלע מיטלען אין זיין רשות (ווי אַ פּרעמיער) זיין איינשטעלונג צו פאַרווירקלעכן; מיליטאַנטישקייט מיינט אויך האַרטקייט, אומביייגעוודיקייט.

איז אָבער דווקא אויף זיין גורל אויסגעפאַלן צו זיין דער פּרעמיער־מיניסטער, וועלכער וועט אויסקעמפן פאַר ישראל אַ שלום־אָפּמאַך, נישט אויפן שלאַכטפעלד, נאָר דווקא מיט דיפּלאָמאַטישע מיטלען.

אין די פאַרהאַנדלונגען ארום שלום פאַרנעמט אַ גאָר וואָגיק אָרט דער ענין פון זעלבסט־באַשטימונגס רעכט פאַר די פּאַלעסטינער, וועלכע וווינען אין עזה און אויפן מערב־ברעג פון ירדן.

ישראל לייגט פאָר: נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. סאַדאַט פאַרלאַנגט: אומאָפּהענגיקייט. ווי דער דאָזיקער ענין וועט נישט אַנטשידן ווערן — איז עס די איינציקע מעגלעכע האָפענונג פון די פּאַלעסטינער צו קאָנען אַנטוויקלען זייער אייגן נאַציאָנאַל לעבן.

די אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט באַקומען די אויסשליסלעכע רעכט (אויף דער אַראַבישער שפּיצן־קאָנפערענץ אין ראַבאַט, אין יאָר 1974) צו רעדן אין נאָמען פון די פּאַלעסטינער — איז די פּ.ל.אָ. די פירער פון דער פּ.ל.אָ. אָבער ווייזן נישט ארויס קיין סימנים פון פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, וועלכע קענען עווענטועל אָנפירן מיט די דאָזיקע געביטן. פאַרקערט: טאָג איין, טאָג אויס הערן מיר וועגן אויפגעריסענע (און נישט אויפגעריסענע) באָמבעס אין די שטעט פון ישראל וואָס ברענגען אום אָדער פאַרוווּנדן אומשולדיקע מענטשן. קאָן מען אַזעלכע פאַרברעכער (ווען אפילו אונטער זייערע דעקלאַראַציעס שרייבן זיך אונטער יידישע פּראָפעסאָרן...) אָנפאַרטרויען אַ מדינה?

פאַר זיי איז דאָך טעראָריזם, בלוט־פאַרגיסונג געוואָרן זייער טעגלעך ברויט — דער אָנהויב און דער סוף פון זייער „אידעאָלאָגיע" — אַ ציל — אַן און פאַר זיך.

צו באַקעמפן קאַלטבלוטיקע מערדער זענען דאָ אַנדערע וועגן און אַנדערע מיטלען — אידער פירן אונטערהאַנדלונגען. עס איז דעריבער גוט, וואָס בעגין (מיט דער צושטימונג פון אַלע געוויסנהאַפטע ישראלדיקע פּאָליטיקער) איז געבליבן אומבויגזאַם אין דער דאָזיקער פראַגע.

מ. א.

# 100 זינגער, סאָליסטן, טענצער, מוזיקער 100

רוסישע עולים—דירעקט פון ישראל!

## אין די ראַמען פון
## 30 יאָר מדינת ישראל פייערונגען

# „אנחנו כאן!" — מיר זענען דאָ!

**היינטיקן שבת, דעם 14טן און דינסטיק, דעם 17טן אָקטאָבער 1978,**

פּינקטלעך 8 אָוונט

**אין מעלבורנער שטאָט־זאַל**

**זונטיק, דעם 15טן אָקטאָבער 1978,**

פּינקטלעך 2.30 נאָכמיטאָג

**אין „פּאַלעי"־טעאַטער, סט. קילדא**

בילעטן צו באַקומען :

שבת און דינסטיק פון 6 אָוונט ביים אריינגאַנג פון שטאָטזאַל.

זונטיק פון 1.30 נאָכמיטאָג ביים אריינגאַנג פון „פּאַלעי"־טעאַטער, סט. קילדא.
ספּעציעלע הנחה פאַר שילער, סטודענטן און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס צו $3
זונטיק פון 11 פרי אין קאַסע פון „פּאַלעי"־טעאַטער.

אַ כ ט ו נ ג ! צוליבן גרויס פון פּראָגראַם הייבן זיך די קאָנצערטן אָן פּינקטלעך.

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאַלט:

מ. א. — אויפן וועג צו שלום . . . . . . . . . . 1
ד"ר מ. פערשטענדיק — תשל"ח — דער ווענדפונקט אין דער געשיכטע פון מדינת ישראל 2
י. אַרבאַך — די יידישע וועלט אין שפּיגל פון דער ווירקלעכקייט . 4
סענדער בורשטין — דאָ און דאָרט (מעדיטאַציעס) . . . . . . . . . . 6
לאה זילבער — שיינעלע (דערציילונג) . . . . . . . . . . 8
הענריק גרינבערג — אַ פּאַרם פון געדענקען (יידיש: ה. באַכראַך) . . . . 12
דר. עזריאל נאַקס — אינטעגראַלע יידישקייט . . . . . . . . . . 14
מ. אייזענבוד — יידיש טעאַטער אין מעלבורן . . . . . . . . 16
י. מ. לעווין — רגעס פון גליק . . . . . . . . . . 17
פּ. ראַבינאָוויטש — לאָמיר אַלע זינגען . . . . . . . . . . 19
מ. אייזענבוד — פון אַן עמיגראַנטס טאָגבוך . . . . . . . . . 20
רוטעלעס — אַ חלום ווערט פאַרווירקלעכט . . . . . . . . . 22
מעם — פאַרבייגייענדיק . . . . . . . . . . . . . 23
חיים מאַלטינסקי — ליד . . . . . . . . . . . . . . . . 24

פּרייז 1 דאָלאַר

אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 4 (15) סעפּטעמבער–אָקטאָבער 1978